# געשיכטע פון דער יידישער קהילה אין קוטנע

ישעיהו טרונק
ניו־יאָרק

דעם אָנדענק פון מיין מאַמע פּרימעט, מיינע שוועסטערן פּריווע און דאַבריש, איר טעכטערל לאהלע, מיינע שוואָגערס בער און דוד, וואָס האָבן געלעבט אין וואַרשעווער און לעמבערגער געטאָ און אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַציִשע רוצחים, ווי אויך מיין ברודער ישראל יהושע, וואָס איז אויסגעגאַנגען אין אַ סאָוויעטישן קאָנצענטראַציע־לאַגער — איז געהייליקט די דאָזיקע אַרבעט וועגן אויפקום און אונטערגאַנג פון אונדזער געבוירן־שטאָט קוטנע.

## אינהאלט

ערשטער טייל

אריינפיר־וואָרט

קאַפּיטל I: די עלטסטע געשיכטע פון דער קהילה ביזן סוף 18טן י״ה.

קאַפּיטל II: די קהילה במשך דעם 19טן י״ה און 1טן פערטל פון 20סטן י״ה.

קאַפּיטל III: די דעמאָגראַפישע און פּראָפעסיאָנעלע סטרוקטור פון דער יידישער באַפעלקערונג (סוף 19טער — פערטל פון 20סטן י״ה).

קאַפּיטל IV: דאָס גייסטיק־געזעלשאַפטלעכע פּנים פון דער קהילה אין 19טן י״ה.

## אריינפיר

קוטנע ליגט אין דער צענטראַלער פּוילישער פּראָווינץ מאַזאָוויע און די פּראַגע, ווען האָבן זיך יידן באַזעצט אין דער דאָזיקער שטאָט, איז פאַרבונדן מיט אַ מער אַלגעמיינער פּראַגע: ווען און ווו האָבן זיך יידן באַזעצט אין מאַזאָוויע בכלל?

דעם שליאַך פון יידישער אימיגראַציע אין דער דאָזיקער פּוילישער פּראָווינץ קאָן מען אויפן סמך פון די פאַראַנענע מקורות נישט נאָכפאָרשן. מען קאָן נאָר משער זיין, אַז די יידן, וואָס האָבן זיך דאָרט באַזעצט, האָבן אימיגרירט פון די שכנותדיקע פּוילישע פּראָווינצן, דהיינו פון גרויס־פּוילן און קויאַווע, שפּעטער פון קליינפּוילן, שלעזיע און די לענדער פון דייטשישן קרייץ־ריטער־אָרדען.

די עלטסטע מקורות־נאָטיץ וועגן דעם אויפהאַלט פון יידן אין מאַזאָוויע שטאַמט פון יאָר 1237 און איז נוגע די יידן אין פּלאָצק. זינט דעם דערמאָנטן יאָר, האָבן מיר אין דער געשיכטע פון די מאַזאָווישע יידן אַ חלל פון קנאַפּע 200 יאָר, ביז דעם יאָר 1413, ווען עס איז אין די אַקטן פאַרנאָטירט געוואָרן אַ ייד פון טשערסק (לעבן וואַרשע).

דער פּאָליטישער און ווירטשאַפטלעכער מצב פון מאַזאָוויע אין 13טן און 14טן י״ה איז בשום אופן נישט געווען גינסטיק פאַר אַ צאָלרייכער יידישער אימיגראַציע, וועלכע האָט, ווי באַקאַנט, דעם אויפנעם־לאַנד צוגעפירט דער עיקר אַ קרעדיט־און־האַנדלס־עלעמענט, וואָס קאָן עקזיסטירן און אַנטוויקלען זיך נאָר אויף אַ לפי־ערך הויכן ניוואָ פון ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג און אין צייטן פון פּאָליטישער סטאַבילקייט. די ביידע תנאים האָבן דעמאָלט אין מאַזאָוויע געפעלט.

ערשט סוף 14טן און אָנהייב 15טן י״ה, אין די צייטן פון די פירשטן יאַנוש I (וואַרשע) און זשעמאָוויט IV (פּלאָצק), האָט די דאָזיקע פּראָווינץ, געניסנדיק פון אַ דויערהאַפטן שלום אונטערן שוץ פון דער פּוילישער מלוכה, וואָס מיט איר האָט זי זיך אַלץ ענגער צונויפגעבונדן, זיך פּאַמעלעך אויפגעהויבן פון דער עקאָנאָמישער ירידה אין וועלכער זי האָט געזונקען במשך צוויי יאָרהונדערטער. מען מעג דעריבער אָננעמען, אַז אין דער צווייטער העלפט פון 14טן יאָרהונדערט און אָנהייב 15טן י״ה, איז געגאַנגען קיין מאַזאָוויע אַ צאָלרייכער יידישער אימיגראַציע־שטראָם.

און באמת געפינען מיר שוין אין די סאַמע עלטסטע געריכטס־ביכער פון מאַזאָוויע וואָס שטאַמען פון אָנהייב 15טן י״ה, ידיעות וועגן יידישע ישובים. אין משך פון 15טן י״ה טרעפן מיר יידן אין די ווייטערדיקע מאַזאָווישע שטעט: טשערסק (די עלטסטע מקורות־נאָטיץ שטאַמט, ווי געזאָגט, פון 1413), וואַרשע (1414), ווישעגראָד (1422), פּלאָצק (1425), פּלינצק (1446), זאַקראָטשים (1449), ראַווע (1448), סאָכאָטשעוו (1463), בלוינע (1478), פּולטוסק (1480), טשעכאַנאָוו (1488) און גאָסטינין.

מען דאַרף די דאָזיקע דאַטעס נישט באַטראַכטן ווי אַזעלכע וואָס ווייזן גענוי ווען יידן האָבן זיך אין דעם געגעבענעם אָרט באַזעצט. זיי זענען נישט קיין דאַטעס פון אינקאָלאַט־אַקטן און טראָגן על פי רוב אַ ריין צופעליקן כאַראַקטער.

ווי מיר זעען פון דער אויבן־געבראַכטער רשימה, האָבן יידן בעיקר זיך באַזעצט אין דעם דרומדיקן און מערבדיקן טייל פון מאַזאָוויע. אין צפון און מזרח מאַזאָוויע, וואָס זענען געווען ווירטשאַפטלעך אָרעמער און אויך ווייניקער, מחמת זייער גרענעץ־לאַגע, פּאָליטיש סטאַביל, זענען ווייזט אויס קיין יידישע קהילות אין דער צייט (15טער י״ה) נישט געווען.[1] קוטנע ליגט אין דעם מערבדיקן טייל פון מאַזאָוויע.

### קאַפּיטל I

### די עלטסטע געשיכטע פון דער קהילה ביזן סוף 18טן יאָרהונדערט

די עלטסטע אונדז באַקאַנטע מקורימדיקע ידיעה וועגן קוטנער יידן שטאַמט פון יאָר 1513. אין דעם יאָר האָט דער פּוילישער קעניג זיגמונט געשאָנקען אַן „אייזערנעם בריוו" דריי קוטנער יידן — וואָס ווערן אין אַקט אָנגערופן מיט זייערע ערשטע נעמען: משה, סאַלאָמאָן (שלמה) און לעווקא.[2] דאָס איז אייגנטלעך געווען אַ מאָראַטאָריום אויף אַ יאָר צייט לגבי זייערע בעלי־חובות. פון דער דאָזיקער ריין־צופעליקער דאַטע דאַרף מען אָבער נישט דרינגען, אַז דער יידישער יישוב איז אַנטשטאַנען ערשט תחילת 16טן יאָרהונדערט. מען דאַרף מיט דער גרעסטער וואַרשיינלעכקייט אָננעמען, אַז לכל־הפּחות האָבן יידן געוווינט אין קוטנע שוין אין דער צווייטער העלפט פון 15טן י״ה.

אין צוויי שכנותדיקע קהילות — אין גאָמבין און גאָסטינין — טרעפן מיר שוין יידן אַזוי פרי ווי אין דער ערשטער העלפט פון 16טן יאָרהונדערט.

אַרום דער העלפט פון 16טן יאָרהונדערט געפינען מיר אין די אַלטע פוילישע פינאַנץ־אַקטן נעמען פון קוטנער יידישע סוחרים, אָבער בכלל געבן אונדז די מקורות ביז דער העלפט פון 18טן יאָרהונדערט זייער קאַרגע ידיעות וועגן יידן אין קוטנע. אַזוי למשל געפינען מיר זינט 1685 אין אמסטערדאַם אַ דרוקער אשר בן אנשל, וואָס זיין פאַמיליע־נאָמען (קוטנער) ווייזט, אַז ער איז געווען אַן אָפּשטאַמיקער פון קוטנע.[3]

קוטנע איז מקדמונים אָן געווען אַ פּריוואַטע ד״ה פּריצישע שטאָט. אין 16־טן י״ה איז קוטנע געווען דאָס אייגנטום פון דעם ראַווער וואָיעוואָדעס פּרוי. אויף איר בקשה האָט דער קעניג זיגמונט אויגוסט געשאָנקען אין יאָר 1555 דאָס רעכט איינצואָרדענען אין שטעטל יאָרמערק — און דאָס האָט מסתמא בייגעטראָגן צו דעם, אַז קוטנע איז געוואָרן אַ שטאָט „מיט לייטן גלייך". אָבער זי איז נאָך לאַנג פאַרבליבן אַ קליינע אומבאַדייטנדיקע שטאָט, אייגנטלעך אַ קליין פּריציש שטעטל. אַרום 1800 האָט די גאַנצע באַפעלקערונג (יידן און קריסטן) געציילט סך־הכל 2.278 נפשות.[4]

ווי דערמאַנט, ווערט ערשט אין דער צווייטער העלפט פון 18טן י״ה דאָס היסטאָרישע בילד פון יידישן יישוב קלאָרער און אינהאַלטרייכער. פון דעם פּעריאָד האָבן מיר שוין אַ גרעסערע צאָל געשיכטלעכע דאָקומענטן וואָס אויף זייער סמך קאָן מען רעקאָנסטרואירן אַ פולער בילד פון דעם לעבן פון דער יידישער קהילה.

אָנגעהויבן האָט זיך די צווייטע העלפט פון 18טן י״ה מיט אַ קאַטאַסטראָפע: אין 1753 האָט אַ שריפה חרוב געמאַכט כמעט די גאַנצע שטאָט. די הילצערנע הייזקעס זענען גיך פאַרצערט געוואָרן פון די פלאַמען. עס האָט געדויערט העכער צען יאָר ביז די שטאָט האָט זיך צוריק אויפגעבויט פון די חורבות. אין יאָר 1766 האָט דער נייער אייגנטימער פון דער שטאָט, דער קרוינקאַנצלער גראַף אנדריי זאַמויסקי, באַקומען פון לעצטן פוילישן קעניג, סטאַניסלאַוו אויגוסט פּאָניאַטאָווסקי, אַ נייע לאָקאַציע־פּריווילעגיע פאַר דער צוריק־אויפגעבויטער שטאָט. אין דער „אָרדינאַציע" פאַר דער שטאָט, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אין 1767, האָט ער געשאַפן גינסטיקע באַדינגונגען פאַר באַזעצן זיך פון יידן אין קוטנע. איינע פון די פּונקטן פון דער „אָרדינאַציע" באַשטימט, אַז „יידישע פּלעצער, סיי באַבויטע, סיי די וואָס דאַרפן ערשט באַבויט ווערן, טאָרן נישט ווערן באַנוצט פון די שטאָט־לייט". בכדי אויסצומיידן עווענטועלע סיכסוכים צווישן יידן און די קריסטלעכע בירגער, האָט ער אַרויסגענומען די יידישע באַפעלקערונג פון דער יורידישער קאָמפּעטענץ פון די שטאָטישע געריכטן. פאַר זיך האָט ער אויך רעזערווירט דאָס אויסשליסלעכע רעכט אַרויפצולייגן אויף די קוטנער יידן פאַרשידענע התחייבותן און אָפּצאָלן.

אין 1766 האָט די קוטנער קהילה צוזאַמען מיט איר קהלישער סביבה, צו וועלכער עס האָבן אַ סברא געהערט אויך די יידן פון די שכנותדיקע שטעטלעך זשיכלין און גאָסטינין,[5] ווי אויך פון אַ גרעסערער צאָל דערפער, געציילט אָפיציעל (לויט דער פאָלקסציילונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אויפן שטח פון דער גאַנצער פוילישער מלוכה פון די יאָרן 1765—1766) — 928 נפשות. וויפל עס איז פון דער דאָזיקער צאָל אויסגעפאַלן אויף קוטנע גופא, איז נאַטירלעך, שווער צו זאָגן.

אַן אַלגעמיינע דערשיינונג ביי דער ציילונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין 1765—1766, איז געווען דאָס פאַרהוילן פאַר די ציילערס די פאַקטישע צאָל יידישע נפשות, מחמת דער טראַדיציאָנעלער יידישער מורא פאַר יעדן מין מלוכהשער סטאַטיסטיק, וואָס האָט דאָך נאָר געהאַט איין צוועק: קאָנטראָל און פאַרגרעסערונג פון יידישע שטייערן. ד״ר רפאל מאַהלער, וואָס האָט לעצטנס פאַרעפנטלעכט וועגן דער דאָזיקער ציילונג אַן אויסשעפּיקע און פּרטימדיקע סטודיע,[7] קומט צו דער מסקנה, אַז די צאָל פאַרהוילענע נפשות האָט אין דורכשניט באַטראָפן 20%. בכן, מיט דער דאָזיקער קאָרעקטור, האָט די צאָל נפשות אין דער קוטנער קהילה צוזאַמען מיט איר סביבה באַטראָפן בערך 1,115 נפשות. צו דער דאָזיקער צאָל דאַרף מען נאָך צוגעבן זויג־קינדער ביז 1 יאָר, וואָס זענען נישט געציילט געוואָרן און וואָס זייער לפי־ערכדיקן פּראָצענט באַרעכנט מאַהלער אויף 6.35% פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. צוזאַמען, האָט דעריבער די קרוב־לאמתדיקע צאָל נפשות באַטראָפן אין די יאָרן 1765—1766 בערך 1,185—2,000 נפשות.

די דאָזיקע קאָרעגירטע ציפער קוקט אויס נאָך מער קרוב לאמת, ווען מיר פאַרגלייכן זי מיט דער צאָל יידן מיט 10 יאָר שפּעטער — אין 1776. אין דעם יאָר ווערט אין אַן אָפיציעלן מקור אָנגעגעבן פאַר דער שטאָט גופא 200 פאַמיליעס און פאַר דער דאָרפישער סביבה — 187 יידישע משפחות. צוזאַמען — 387 פאַמיליעס. רעכענדיק אויף אַן איינצלנער משפחה אין דורכשניט 5 נפשות, באַקומען מיר פאַר דער שטאָט בערך 1,000 נפשות און פאַר דער קהלשער סביבה — 935 נפשות, בכן אין סך־הכל — 1,935 נפשות. דער זעלביקער מקור גיט אָן, אַז ביי די שטאָטישע יידן האָט מען אָפּגעציילט 885 ספרים און אין דאָרף 200.[7] די דאָזיקע ציילונג פון ספרים איז דאַמאָלט ביי דער יידישער באַפעלקערונג אין דער גאַנצער פוילישער מלוכה אדורכגעפירט געוואָרן צוליב דעם שטעמפּל־שטייער פון ספרים, וואָס דער מלוכה־אוצר האָט אַרויפגעלייגט אויף דער יידישער באַפעלקערונג.

אגב, אַ דאַנק דעם דאָזיקן ספרים־שטייער, האָט זיך אויפגעהיט אַ ידיעה וועגן אַ יידישן דאָקטער אין קוטנע פון אַרום 1775 יאָר. דער דאָזיקער דאָקטער מיטן פאַרפוילישטן נאָמען מאַרעק (געהייסן מסתמא מרדכי), האָט אין דעם אָנגערופענעם יאָר אָפּגעצאָלט דעם שטעמפּל־שטייער פון 6 ספרים.[8]

פון 18טן יאָרהונדערט האָבן מיר אויך ידיעות וועגן צוויי קוטנער רבנים. דער עלטסטער באַקאַנטער קוטנער רב פון סוף 17טן און תחילת 18טן יאָרהונדערט איז געווען ר׳ משה יקותיאל קויפמאַן הכוהן, דער מחבר פון ספר „לחם הפנים", אַן איידעם פון קאַלישער רב ר׳ אברהם אבעלע גאָמבינער, מחבר פון „מגן אברהם". געבוירן אין קראָטאָשין, איז ער דאָרט נפטר געוואָרן אין תפ״ב (1722) אלס דאָרטיקער רב.[9] אַ סברא, אַז זיין ממלא מקום איז געווען ר׳ אריה לייב, זון פון קאַלישער רב ר׳ יוסף חיים, וואָס אין יאָר 1768 האָט אים די פּויזנער קהילה אויפגענומען ווי אַ דרשן. ער האָט דאָרט גלייכצייטיק אויסגעפירט די פונקציעס פון אַ רב.[10]

אין דער צווייטער העלפט פון דעם אָנגערופענעם יאָרהונדערט, באַגעגענען מיר קוטנער יידן אין וואַרשע, וווּ יידן האָבן פאָרמעל נישט געטאָרט וווינען. נאָר בעת סעסיעס פון די סיימען, איז זיי געווען דערלויבט צו באַזוכן וואַרשע און דאָ פירן מסחרים, בתנאי, אַז זיי וועלן אויסקויפן דעם אַזוי גערופענעם „טאָג־צעטל". אַרום 1784 איז דער קוטנער ייד משה בן שלמה (סאַלאָמאָנאָוויטש) געווען אַ „פאַקטאָר" (האַנדלס־אַגענט) ביי דעם עסטרייכישן געזאַנדטן אין וואַרשע און האָט גענאָסן פון זיין שוץ און פון אַן אומזיסטן „טאָג־צעטל".[11]

אַ צווייטער קוטנער ייד משה בן שמואל (שמולעוויטש), האָט בעת די גאַסן־קאַמפן אין וואַרשע דעם 17טן אַפּריל 1794, אין שייכות מיט דעם קאָשטשיושקאָ־אויפשטאַנד, צוגעשטעלט די פוילישע אויפשטענדלער געווער און מנדב געווען לטובת דער מרידה צוויי פערד און אַ וואָגן.[12]

ווייזט אויס אַז אין זכות פון זיין פּאַטריאָטישער פאַרגאַנגענהייט, האָט אים דער וואַרשעווער שטאָט־פּרעזידענט, פּאַוועל ביעלינסקי, באַשטימט אין פרילינג 1807 ווי אַ סינדיק (שתדלן) פון דער יידישער קהילה אין וואַרשע. וועגן דער דאָזיקער נאָמינאַציע איז אויסגעבראָכן אַ סכסוך צווישן דעם וואַרשעווער פּרעזידענט און די ראשי־הקהל, וואָס האָבן זי נישט געוואָלט אָנערקענען און דעם נאָמינאַט אַריינגעלייגט אין חרם. דער ענין

האָט אָנגעשפּאַרט אין די צענטראַלע מלוכה־אָרגאַנען און דער סוף איז געווען, אַז דער שטאָט־פּרעזידענט האָט זיך געזען געצוווּנגען צוריקצוציען די נאָמינאַציע.[13]

אפילו געזעלן פלעגן שוין דאַמאָלט קומען קיין וואַרשע זוכן „גליקן". וועגן איינעם פון זיי, אַ יונגען בחור מיטן נאָמען דוד, דערציילט די „גאַזעטאַ וואַרשאַווסקאַ" פון 1787 נישט קיין שיינע מעשה: „אַנשטאָט צו זיין דאַנקבאַר דעם שניידער־מייסטער, וואָס האָט דעם היימלאָזן און וואַנדערנדיקן געזעלן אַריינגענומען צו זיך, האָט ער אים גאָר באַגנבעט און איז אַנטלאָפן".[14]

רירעוודיקע יחידים האָבן געגרייכט ווייטער פון וואַרשע: אַרום 1800 באַגעגענען מיר קוטנער יידישע סוחרים אויף די באַרימטע פראַנקפורטער, ברעסלער און לייפּציקער יאַרידים. אויף צו פינאַנסירן די דאָזיקע קאָסטבאַרע נסיעות, פלעגן זיי לייען געלט ביי די קוטנער פּריצים.[15]

פון דער דאָזיקער צייט (די לעצטע צוויי צענדליקער פון 18טן יאָרהונדערט) שטאַמען אויך די סטאַטוטן פון 2 בעלי־מלאכהשע צעכן — איינער פון געמישטן צעך פון שניידערס, שמוקלערס און קירזשנערס, וואָס איז באַשטעטיקט געוואָרן פון פּריץ גאַדאָמסקי אין 1783, און אַ צווייטער — פון דער חברה קצבים, וואָס האָט באַקומען די באַשטעטיקונג פון קוטנער פּריץ אין 1781. די דאָזיקע 2 סטאַטוטן, בפרט דער ערשטער, גיט אונדז אַ מעגלעכקייט אַריינצוקוקן אין די פאַר־העלטענישן, וואָס האָבן געהערשט אין דעם יידישן האַנטווערק אין קוטנע אין דער צווייטער העלפט פון 18טן יאָרהונדערט.

די סטאַטוטן זענען פאַרפאַסט אין דער פוילישער שפּראַך און זענען שפּעטער, ווען קוטנע איז אין 1793 אַרונטערגעפאַלן אונטער פּרייסישער הערשאַפט, איבערגעזעצט געוואָרן אין דייטש.[16]

די תקנות פון סטאַטוט פון געמישטן צעך זענען טיפּיש פאַר די סטאַטוטן פון יידישע בעלי־מלאכות פון יענער צייט, וואָס זייער עיקר־כוונה איז געווען, ראשית, אויסצומיידן אומערלעכע קאָנ־קורענץ צווישן די מייסטערס און יעדן פון זיי פאַרזיכערן אַ יושרדיקע חיונה; והשנית, האַלטן די געזעלן אונטער אַ שטרענגן קאָנטראָל. מיר ברענגען דאָ ווייטער אַ צאָל אַזעלכע תקנות:

§ 18 פון סטאַטוט באַשטימט, אַז קיין שום מייסטער טאָר נישט האַלטן מער ווי איין געזעלן און איין לערנייגל. אויב אַ מייסטער האָט אַ סך אַרבעט, מעג ער צונעמען אַ צווייטן געזעלן, אָבער נאָר פון די חתונה־געהאַטע אָדער אָן אָרעמען מייסטער, וואָס האַלט נישט קיין געזעלן, און איז מחויב אים צו צאָלן אַ דריטל פון דעם מייסטערס פאַרדינסט („דעם דריטן גראָשן"), „בכדי אַלע זאָלן זיך קאָנען דערנערן";

אויב עס וועט זיך אַרויסווייזן, אַז אַ מייסטער האָט אָפּגע־רעדט אַ געזעלן ביי אַן אַנדערן מייסטער, מוז ער באַצאָלן 6 „גריוונעס" קנס אין דער צעך־קאַסע (24);

מייסטערס טאָרן נישט שיקן זייערע געזעלן אויף די ווענגן (ד"ה אין די דערפער) און אויף יאַרמערק, בכדי אַנצונעמען פאַר זיי אַרבעט. זיי מעגן דאָס טאָן נאָר אַליין (20);

אויב עס וועט טרעפן, אַז אַ מייסטער האָט קאַליע געמאַכט אַ שטיק אַרבעט, דאַרף דער מייסטער באַצאָלן אָנט־שעדיקונג פון זיין קעשענע און נישט פון דער צעך־קאַסע. די כוונה פון דער דאָזיקער תקנה איז, ווי עס ווערט אָנגעוויזן, צו פאַרהיטן, אַז די וואָס זענען נישט געניט אין זייער אַרבעט, זאָלן נישט אָנגענומען ווערן אין צעך אַלס מייסטערס. אַזאַ „פּאַרטאַטש" טאָר אויך נישט האַלטן קיין געזעלן (14);

יעדער אָפּמאַך צווישן מייסטער און אַ געזעלן דאַרף פאַר־שריבן ווערן ביים צעכמייסטער. עס דאַרף אין אַזאַ אָפּמאַך פעסטגעשטעלט ווערן די צייט פון „טערמינען" און אַלע אַנדערע תנאים פון דעם הסכם. דעם אָפּמאַך פאַרשרייבט אין צעך־פּנקס דער צעך־שרייבער, וואָס באַקומט פון מייסטער פאַר זיין טירחה אַ קופּערנעם גראָשן (22 און 29);

אַ געזעלן טאָר נישט אַוועקגיין פון זיין מייסטער פאַר דער אָפּגערעדטער צייט (ד"ה אין מיטן „זמן"). אַ מייסטער וואָס נעמט אָן אַ געזעלן, נישט אָנפרעגנדיק ביי דעם פריערדיקן מייסטער, צי דער געזעלן איז אַוועק פון אים מיט זיין הסכמה, איז מחויב צו באַצאָלן 4 „גריוונעס" קנס אין דער צעך־קאַסע (23);

אַלע מייסטער זיינען מחויב צו צאָלן וואָכן־געלט אין דער צעך־קאַסע: אַ מייסטער וואָס האַלט אַ געזעלן — 4 „שעלאָנג" (אַ שעלאָנג האָט דעמאָלט באַטראָפן בערך אַ האַלבן גראָשן). דער וואָס האַלט נישט קיין געזעלן — 2 „שעלאָנג" (30).

עס איז סימפּטאָמאַטיש, אַז אין סטאַטוט ווערט מיט קיין וואָרט נישט דערמאָנט די באַציאונג צו די שייכותדיקע קריסט־לעכע צעכן ווי אויך צו קהל. להיפוך צי די קיניגלעכע שטעט, ווו יידישע בעלי־מלאכות האָבן מקדמונים געהאַט אויסצושטיין אַ שווערן קאָנקורענץ־קאַמף מצד די קריסטלעכע צעכן, האָט אין די פּריוואַטע שטעט, ווו דעם פּריצס ווילן איז געווען געזעץ, דער פּריצישער אייגנטימער אָפּט גענומען אין שוץ די יידישע בעלי־מלאכות און זיי באַפרייט פון דער אַפּוטרופּסות און השגחה סיי מצד די קריסטלעכע צעכן און סיי מצד קהל.[17]

פון דער דאָזיקער צייט, פון לעצטן צענדליג פון 18טן יאָרהונדערט, האָט זיך אויפגעהיט זייער אַ וויכטיקער דאָקומענט, וואָס אויף זיין סמך קאָן מען באַקומען אַ מער־ווייניק פולזייטיק בילד פון דער יידישער קהילה. דאָס איז נעמלעך אַ סטאַטיסטי־שער באַריכט וועגן דער יידישער באַפעלקערונג, צונויפגעשטעלט פון דער נייער, שוין פּרייסישער מאַכט, אין יאָר 1796, בכן באַלד ווי קוטנע איז נאָך דער צווייטער צעטיילונג פון פוילן אין יאָר 1793 אַרונטערגעפאַלן אונטער פּרייסישער הערשאַפט, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביזן יאָר 1807 — דאָס יאָר פון אַנטשטיין פון וואַרשעווער פירשטנטום (1807—1815). דער אַקט האָט זיך געפונען אין שטאַטישן אַרכיוו און טראָגט דעם נאָמען Specialia betr. die Einrichtung des Juden Wesens. די סטאַ־טיסטיק איז לפי־ערך אַ גאַנץ גענויע. זי נעמט אַרום די פאָל־גנדיקע רובריקן: 1. מיטגלידער פון דער משפחה און זייער עלטער (דינערשאַפט אַריינגערעכנט); 2. הויזווירט, אָדער לאָקאַ־טאָר; 3. צושטאַנד פון הויז און זיין קוואַליטעט; 4. באַשעפטי־קונג; 5. פאַרשידענע שטייערן.

ביי די דאָרפסיידן — די סטאַטיסטיק נעמט אויך אַרום די יידן, וואָס האָבן געוווינט אין 71 דערפער אַרום קוטנע — געפינט זיך אַחוץ די דערמאָנטע רובריקן, נאָך דער נאָמען פון דעם געגעבענעם דאָרף און זיין פּריץ.

נאָך דעם גייען סומירונגען פון אַלע איינצל־רובריקן און אַ פעסטשטעלונג פון אַלע שטייער־פליכטיקע אויף להבא. דאַן קומט אַ מין אַלגעמיינער איבערבליק איבער די קהילה, איבער אירע פינאַנצן און אינסטיטוציעס און ווייטער — גענויערע פּרטים וועגן פאַרמעגן־צושטאַנד, שטייערן־פּריוויקיט און וווינונג־פראַגן פון 250 משפחות שטאָטישע און דאָרפישע.

דער רעגיסטער ענדיקט זיך מיט אַ פּראָטאָקאָל, וועלכן עס האָבן אונטערגעשריבן אַ באַאַמטער און די קהלה־פּרנסים. בכלל איז די סטאַטיסטיק צונויפגעשטעלט געוואָרן אויף דעם סמך פון די ידיעות, וועלכע די קהלה־פּרנסים האָבן צוגעשטעלט דער מאַכט. די באַגלייבטקייט פון זייערע אינפאָרמאַציעס זענען זיי געווען גרייט — ווי עס ווערט פעסטגעשטעלט אין פּראָטאָקאָל — צו באַקרעפטיקן מיט אַ שבועה. עס ווערט דערציילט, אַז דער קאָמיסאַר האָט זיי געוואָרנט מיט שטראָפן (5 טאָלער פאַר יעדן פאַרשוויגענעם קאָפּ), אָנצוגעבן דעם ריינעם אמת, אויף וואָס די פּרנסים האָבן ווידער געענטפערט מיט דער גרייט־קייט צו שווערן אויף דער ריכטיקייט פון זייערע ידיעות, וועלכע שטיצן זיך — לויט זייערע אייגענע רייד — אויפן „שטרענגסטן אמת".

ווי מיר וועלן אָבער ווייטער זען, זענען זייערע אָנגאָבן נישט געווען קיין הונדערט־פּראָצענט ריכטיקע, טראָץ די סטראַשונקעס און פֿייערלעכע דערקלערונגען. די סיבות — זענען גאַנץ קלאָרע: דאָס איז די אַלטע, כמעט טראַדיציאָנעלע מורא פֿאַר יעדן מין סטאַטיסטיק. מיט אַ ריכטיקן אינסטינקט האָבן די יידן שטענדיק אַרויסגעפֿילט די סכנה, וואָס האָט געלויערט אויף זיי פֿון יעדער ציילונג, וועלכע מען פֿלעגט דאָך נאָר אַדורכפֿירן צוליב פֿיסקאַלע טעמים. יעדע ציילונג האָט נאָר געהאַט איין צוועק: קאָנטראָל און פֿאַרגרעסערונג פֿון די יידישע שטייערן. בפֿרט אין אונדזער פֿאַל — ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין אַ סטאַטיסטיק, וועלכע עס האָט אַדורכגעפֿירט אַ פֿרעמדע אָקופּאַציע־מאַכט, וועמענס פֿיסקאַלע פּאָליטיק לגבי „אירע" יידן איז מסתמא געווען נישט אומבאַקאַנט — האָט מען אַוודאי געזוכט מיטלען ווי אַזוי אָפּצושוואַכן די „גזירה". די פּרנסים זענען דאָך געווען אין אַ שווערער לאַגע, כמעט אין אַ טראַגישן קאָנפֿליקט צווישן זייער אייגענעם געוויסן און די כלל־אינטערעסן. ווייזט אויס, אַז די צווייטע האָבן גובר געווען.

מיר מוזן זיך דעריבער באַציִען מיט דער גרעסטער פֿאָרזיכטיקייט צו די ציפֿערן, וועלכע זענען פֿאַראַן אין דעם רעגיסטער און זיי באַטראַכטן נאָר אַלס וואַרשיינלעכע און אַלס אַזעלכע, וואָס האָבן גיכער אַ נטיה צו פֿאַרקלענערן, ווי צו פֿאַרגרעסערן. אַט די פֿאַר מעטאָדאָלאָגישע אָנווייזונגען זענען נייטיק, איידער מיר טרעטן צו צום מאַטעריאַל גופֿא. מיר מיינען אויך, אַז דאָס בילד וואָס מיר פּרוּוון ווייטער צו סקיצירן, איז נישט עפּעס קיין אָפּגעזונדערטס און כאַראַקטעריסטישס, נאָר גיכער אַ טיפּישס פֿאַר דעם רוב פּריצישע שטעטלעך אין 18טן י״ה.

## צאָל פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג

1. שטאַטישע

לויט דער אָפֿיציעלער סטאַטיסטיק, האָט די יידישע באַפֿעלקערונג אין קוטנע אין יאָר 1796 געציילט 1087 נפֿשות, צווישן וועלכע עס זענען געווען:

טאַבעלע נומ׳ 1

| | |
|---|---|
| מענער (פֿאַרהייראַט) | 343 |
| פֿרויען " | 342 |
| יינגלעך אונטער 14 יאָר | 166 |
| מיידלעך " " " | 152 |
| יינגלעך איבער 14 יאָר | 28 |
| מיידלעך " " " | 13 |
| דינערשאַפֿט, געזעלן און לערן־יינגלעך | 25 |
| דינסט־מיידלעך | 18 |
| צוזאַמען | 1087 נפֿשות |

פֿון דער טאַבעלע נומ׳ 1 זעען מיר, אַז די צאָל יינגלעך און מיידלעך אין פֿאַרשיידענעם עלטער האָט באַטראָפֿן 359. אַזוי ווי פֿאַמיליעס זיינען געווען, לויט דער אָפֿיציעלער רשימה 357, מאַכט אויס אויף איין פֿאַמיליע דורכשניטלעך עפּעס מער, ווי איין קינד. דאָס איז אַ בפֿירושער אומזין. די צאָל איז באַשיינפּערלעך פֿאַלש אָנגעגעבן. משמעות האָט מען מיט אַ כיוון אַריינגעפֿירט די מאַכט אין אַ טעות. די סיבות האָבן דאָ געקאָנט זיין פֿאַרשיידענע. מען האָט פֿאַרקלענערט די צאָל קינדער צוליב דעם קאָפּ־געלט, וואַרשיינלעך אויך, בפֿרט די צאָל יינגלעך — צוליב דער מורא פֿאַר דעם עוונטועלן רעקרוטן־דינסט, שולצוואַנג, לויט דעם פֿרישן ביישפּיל פֿון גאַליציע (די רעפֿאָרמען פֿון דעם קייסער יאָזעף דעם צווייטן) אאַז״וו.

מען מוז דעריבער אָננעמען, אַז די צאָל פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג — שוין נעמענדיק אין אַכט דאָס פֿריִע חתונה־האָבן פֿון בחורים און מיידלעך אין עלטער פֿון 14—16 יאָר, וואָס האָט גורם געווען, אַז די צאָל נישט פֿאַרהייראַטע קינדער, עלטערע ווי 14 יאָר איז געווען לפֿי־ערך קליין — איז געווען אַ סך אַ גרעסערע. רעכענענדיק אויף אַ פֿאַמיליע אין דורכשניט 5 נפֿשות (פֿאַר יענער צייט איז דער דורכשניט גיכער אַ צו קליינער, איידער אַ צו גרויסער) — באַקומען מיר די לפֿי־ערכדיקע צאָל פֿון 1760 נפֿשות. צו דעם דאַרף מען נאָך צוגעבן 43 פּערזאָן מענלעכע און ווייבלעכע הויז־דינערשאַפֿט, געזעלן און לערן־יינגלעך,[18] צוזאַמען אַלזאָ האָט די קוטנער יידישע באַפֿעלקערונג געציילט אין יאָר 1796 מינדעסטנס ביי 1800 נפֿשות. די צאָל, וועלכע מיר האָבן באַקומען, איז מיט 713 גרעסער ווי די אָפֿיציעלע. ווי מיר זעען, האָט מען 65 פּראָצענט פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג (ס׳רוב אַ פּנים, קינדער) נישט אַריינגעטראָגן אין דער מלוכה־רשימה.

פֿאַרגלייכנדיק ווייטער די צאָל אין דער טאַבעלע, זעען מיר, אַז די צאָל מענער (פֿאַרהייראַטע) איז כמעט גלייך צו דער צאָל פֿרויען (פֿאַרהייראַטע). דאַקעגן איז די צאָל יינגלעך אין פֿאַרשיידענעם עלטער אַ גרעסערע, ווי די צאָל מיידלעך. די פּראָפּאָרץ איז 165:194 (עס איז געווען מער סיבות צו פֿאַרבאַהאַלטן פֿאַר דער מאַכט יינגלעך, איידער מיידלעך, און ווען די צאָל יינגלעך איז אַפֿילו אָפֿיציעל אַ גרעסערע — איז נישטאָ קיין גרונט צו צווייפֿלען אין דער ריכטיקייט פֿון דער אויבנדערמאָנטער פֿאַרהעלטעניש).

מעגלעך, אַז די דאָזיקע דיספּראָפּאָרץ דערקלערט זיך דערמיט, וואָס מיידלעך האָבן בדרך־כלל פֿריִער חתונה געהאַט, ווי בחורים. בעת די פּראָפּאָרץ צווישן יינגלעך און מיידלעך יינגערע פֿון 14 יאָר איז 152:166, איז די פּראָפּאָרץ ביי עלטערע 13:28 — מער ווי נאָך אַ מאָל אַזוי פֿיל.

אויף דער פֿראַגע, וויפֿל נפֿשות האָבן געוווינט אין איין הויז, קאָן מען ליידער קיין גענויע תשובה נישט געבן, ווייל אונדזער סטאַטיסטיק רעכנט נאָר ביי יעדן הויז דעם באַלעבאָס און נישט די לאָקאַטאָרן. נעמענדיק אָבער אין אַכט, אַז דעמאָלט האָבן משמעות מינדעסטנס 90 פּראָצענט פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג געוווינט אין יידישע הייזער,[19] באַקומט זיך 1620 נפֿשות אויף 100 הייזער, ד״ה מער ווי 16 נפֿשות (3 פֿאַמיליעס) אויף יעדן הויז. פֿון דעם קאָן מען דרינגען, אַז די „הייזער" זענען געווען באמת קליינע הייזלעך.

2. דאָרפֿישע

לויט דער אָפֿיציעלער סטאַטיסטיק, האָבן אין די 71 דערפֿער, וועלכע געפֿינען זיך אויסגערעכנט אין דער רשימה, געוווינט 381 נפֿשות (דער שרייבער גיט אָן על־פּי־טעות 378), אָדער 98 פֿאַמיליעס,[20] צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפֿונען:

טאַבעלע נומ׳ 2

| | |
|---|---|
| מענער (פֿאַרהייראַטע) | 98 |
| ווייבער " | 97 |
| זין אונטער 14 יאָר | 84 |
| טעכטער אונטער 14 יאָר | 63 |
| זין איבער 14 יאָר | 8 |
| טעכטער איבער 14 יאָר | 5 |
| מענלעכע דינערשאַפֿט | 19 |
| דינסטמיידלעך | 7 |
| צוזאַמען | 381 נפֿשות |

ווי מיר זעען, איז די פֿאַרהעלטעניש ביי די דאָרפֿישע יידן צווישן קינדער (אומפֿאַרהייראַטע) און צאָל פֿאַמיליעס אַ ביסל גרעסער, ווי ביי די שטאָטישע. זי מאַכט אויס 98:160 — 1.6 קינד אויף אַ פֿאַמיליע. זי איז אָבער נאָך אַלץ קליין, כדי זי צו מוזן קאָרעגירן. די סיבות, וואָס האָבן דאָ געווירקט אָנצוגעבן די

צאָל קינדער קלענער, ווי זי איז געווען פּאַקטיש, זענען אַפּנים געווען די זעלביקע, וואָס ביי די שטאָטישע. די לפּי־ערכדיקע צאָל נפשות, וואָס האָבן געלעבט אויפן דאָרף, וועט דעריבער באַטרעפן מער, ווי די אָפיציעל אָנגעגעבענע. רעכענדיק אויף אַ דאָרפישער פאַמיליע 5 נפשות, באַקומען מיר די צאָל 510. צו דעם גייען נאָך צו 26 פּערזאָן מענלעכע און ווייבלעכע דינער־שאַפט, געזעלן און לערן־ייִנגלעך,[21] צוזאַמען אַלזאָ ביי 536 נפשות. די ציפער, וועלכע מיר האָבן באַקומען, איז מיט קנאַפּע 35 פּראָצענט גרעסער, ווי די אָפיציעלע, נאָר איין דריטל פון דער באַפעלקערונג איז נישט אַריינגעטראָגן געוואָרן אין דער רשימה. די סיבה איז לייכט פאַרשטענדלעך: אויפן לאַנד, ווו עס האָבן געוווינט איינצלנע ייִדישע פאַמיליעס, איז געווען שווערער אַריינצופירן די קהילה און די מאַכט אין אַ טעות בנוגע דער צאָל קינדער, וועלכע אַלע אין דאָרף האָבן אוודאי געקענט, ווי אין דער שטאָט, ווו די ייִדן האָבן געוווינט קאָמפּאַקט, אין אַ גרויסער צאָל.

ווייטער זעען מיר פון דער טאַבעלע 2, אַז אויך דאָ איז די צאָל פאַרהייראַטע מענער כמעט גלייך דער צאָל פאַרהייראַטע פרויען. די פּראָפּאָרץ צווישן ייִנגלעך און מיידלעך (זין און טעכטער) אין פאַרשיידענעם עלטער איז 68:92 — אַלזאָ אַ גרעסערע ווי ביי די שטאָטישע. מען האָט אַפּנים צוליב די שווערע דאָרפישע באַדינגונגען, ווי ריין־קריסטלעכע סביבה אאז"ו, די מיידלעך ווי ווייט מעגלעך ווייניקער געהאַלטן אין דער היים. זיי האָבן זיך אוודאי אויפגעהאַלטן ביי די קרובים אין שטאָט. די דיספּראָפּאָרץ צווישן ייִנגלעך און מיידלעך עלטערע פון 14 יאָר איז נאָך אַ גרעסערע — 5:8. דאָס דערקלערן מיר אויך מיט דעם פריען חתונה־האָבן פון מיידלעך.

וואָס איז איצט נוגע דער פראַגע וועגן דער צאָל ייִדישע פאַמיליעס אין יעדן דאָרף, טרעפן מיר בדרך־כלל 1—2 אין יעטווידן ישוב. נאָר אין איין דאָרף האָט די צאָל באַטראָפן 4 פאַמיליעס און אין דריי צו 3 ייִדישע משפּחות.

אין סך־הכל האָט צוזאַמען די צאָל ייִדישע באַפעלקערונג אין שטאָט און אין דאָרף באַטראָפן לויט דער אָפיציעלער צאָל 1452, לויט אונדזער קאָרעקטור — 2340 נפשות.

וואָס שייך דעם עלטער — האָט מען אין דער סטאַטיסטיק אַריינגערעכנט קינדער שוין פון 1/4 יאָר אָן. אָפיציעל זענען קינדער ייִנגערע פון 2 יאָר געווען 89 ביי די דאָרפישע, 65 ביי די שטאָטישע), זקנים פון 60 יאָר אָן (מענער און פרויען) 122 (11 ביי די דאָרפישע און 111 ביי די שטאָטישע). ווען מיר פאַרגלייכן די צאָל אַלטע לייט מיט דער צאָל דערוואַקסענע מענער און פרויען ביי די שטאָטישע און דאָרפס־ייִדן, באַקומען זיך פאָלגנדיקע כאַראַקטעריסטישע פּראָפּאָרצן: ביי די שטאָטישע 583:111, ביי די דאָרפישע: 184:11. ווי מיר זעען, האָט אין דער שטאָט געלעבט מער ווי דריי מאָל אַזוי פיל אַלטע לייט, ווי אין דאָרף. ווייזט אויס, אַז אין דאָרף, ווו עס האָט זיך געפאָדערט שווערערע פיזישע אַרבעט און ווו די לעבנס־באַדינונגען זענען בכלל געווען שווערער, איז פאַר די זקנים נישט געווען קיין אָרט. חוץ דעם פלעגן עלטערע מענטשן צוליב רעליגיעזע מאָטיוון בכלל זיך צוריקציִען אין די שטעט. ווען מיר פאַרגלייכן איצט די צאָל קינדער ייִנגערע פון 2 יאָר מיט די עלטערע, באַקומט זיך ביי די דאָרפישע די פּאַרהעלטעניש 160:24, ביי די שטאָטישע 359:65. מען קאָן פון דעם מיט אַ געוויסער וואָרשיינלעכקייט דרינגען, אַז די געבורטן און קינדער־שטערבלעכקייט זענען אין שטאָט און אין דאָרף געווען פּראָפּאָרציאָנעל כמעט גלייך.

## באַשעפטיקונג

### אַלגעמיינע באַמערקונגען

ווען מיר באַטראַכטן די פּרנסות פון דער קוטנער ייִדישער באַפעלקערונג, וואַרפט זיך קודם־כל אין די אויגן דאָס פעלן פון אַ שטאַרקערער פּראָפעסיאָנעלער ספּעציאַליזאַציע. ביי דער פאַר־נאַנדערטיילונג אין די גרופּן: מלאכה, מסחר אאז"וו, האָבן מיר גענומען אין אַכט די הויפּט־באַשעפטיקונג — די ערשט אויס־גערעכנטע. אויפן סמך פון דער נעבן־באַשעפטיקונג, האָבן מיר אָבער די זעלבע פּערזאָן (פאַמיליע) צוגערעכנט צו אַן אַנדער פאַך־רובריק. מיר מוזן דעריבער אונטערשיידן אין יעדער פאַך־רובריק צווישן הויפּט־און־נעבן באַשעפטיקונג. אַזוי טרעפן מיר בעלי־מלאכות, וואָס זענען גלייכצייטיק קרעמער און פּאַרקערט, און אַפילו מער באַשעפטיקונגען ביי איין און דער זעלביקער פּערזאָן. עס איז אָפט שווער צו געפינען צווישן זיי כאָטש דעם מינדסטן ווירטשאַפטלעכן צוזאַמענהאַנג, אַזוי פאַרשיידן און טייל מאָל אַפילו קוריאָז זענען די צונויפּפאַרונגען פון די פּראָפעסיעס. מיר האָבן אָפּגעציילט 31 פאַמיליעס, וועלכע האָבן טאָפּלטע פּרנסות, ד"ה מער ווי 8,5 פּראָצענט.

בפרט זייער פאַרשפּרייט איז געווען די שענקעריי אַלס נעבן־פּרנסה. אַזוי פאַרנעמען זיך מיט שענקעריי: אַ גאָלדשמיד (חוץ דעם האַנדלט ער נאָך מיט בשמים...), אַ היטל־מאַכער, אַ שניט־סוחר, אַ לעדער־סוחר, 2 שניידערס און 3 קירזשנערס. דאָס זאַלץ־קאָכן טרעפן מיר בכלל נאָר אַלס נעבן־פּרנסה. מיט זאַלץ־קאָכן האָבן זיך באַשעפטיקט 2 באַרבירער (פריזירער), 2 שענקער, אַ פעלדשער, אַ שניט־סוחר און אַ קרעמער. מיר געפינען אויך אַ גאָלדשמיד, וואָס איז גלייכצייטיק אַ שניט־סוחר; אַ פעלדשער — גלייכצייטיק אַ קרעמער; אַ לעדער־סוחר — ליכט־ציִער; שניידער, קירזשנער און שמוקלער, וואָס זענען גלייכצייטיק קרע־מער; און אַ קרעמער, וואָס פאַרנעמט זיך זומער מיט היטל־מאַכעריי. אַז בעלי־מלאכות, ווי היטל־מאַכער, זענען גלייכצייטיק געשטאַנען אויפן מאַרק, ווו זיי האָבן פאַרקויפט זייערע אויס־אַרבעטונגען, איז נאַטירלעך. אויך די פרויען פון די אָרעמע קהילה־באַאַמטע, ווי מלמדים און חזנים, טרעפן מיר ס'רוב אַלס מאַרק־שטייערינס. מערקווירדיק איז דער איינציקער ייִדישער גאַרבער, וועלכער פאַרנעמט זיך אויך מיט יעגעריי און אַנדערע „גוישע" ענינים (ער האָט, ווייזט אויס, געפּאַרבט די פעלעכלעך פון די געכאַפּטע חיות). אין צוזאַמענהאַנג, אַפּנים, מיט זיינע נישט־ייִדישע נטיות, רעדט זיך וועגן אים אין דער נאָטיץ, ווי וועגן איינעם, וואָס פירט נישט קיין מאָראַלישן לעבנס־שטייגער. ער ווערט באַצייכנט אַלס פאַרשווענדער און בעל־גוף, פון וועלכן די קהילה קאָן אַפילו נישט נעמען קיין שטייערן...

די סיבה פון דער פיל־באַשעפטיקונג איז משמעות געלעגן אין דעם, וואָס פון דער איינצל־באַשעפטיקונג האָט מען נישט געקאָנט ציִען קיין גענוגנדיקע חיונה.

### 1. באַשעפטיקונג ביי די שטאָטישע ייִדן

#### מלאכה

לויט דער אָפיציעלער רשימה פון 1796, האָבן די קוטנער ייִדן פאַרנומען זיך מיט פאָלגנדיקע מלאכות און אַרבעטס־פּראָפעסיעס:

טאַבעלע נומ' 3א

מלאכה און אַרבעטס־פּראָפעסיעס

זעלבשטענדיקע און אָנגעשטעלטע

| | | |
|---|---|---|
| 1. | שניידער (נאָר אַלס הויפּטבאַשעפטיקונג) | 74 |
| 2. | קירזשנער | 26 |
| 3. | שמוקלער | 15 |
| 4. | קצבים | 11 |
| 5. | היטלמאַכער (7 הויפּטבאַשעפט. + 2 נעבן־באַשעפט.) | 9 |
| 6. | באַרבירער (פריזירער) | 4 |
| 7. | בעקער | 5 |

| | | |
|---|---|---|
| .8 | טאַנדייטער | 3 |
| .9 | קאַם-מאַכער | 3 |
| .10 | גאָלדשמידן | 2 |
| .11 | טאָקער | 2 |
| .12 | ליכט-ציער (2 הויפּטבאַשעפט. 1 — נעבן-באַשעפט.) | 3 |
| .13 | פילץ-מאַכער | 2 |
| .14 | קנאָפּ-מאַכער | 2 |
| .15 | שפּיצן-מאַכער | 1 |
| .16 | גאַרטל-מאַכער | 1 |
| .17 | גאַרבער | 1 |
| .18 | פאַרבער | 1 |
| .19 | איינבינדער | 1 |
| .20 | זאַלץ-קאָכער (נאָר נעבן-באַשעפט.) | 7 |
| .21 | פורמאַנעס | 2 |
| .22 | הויז-דינערשאַפט | 28 |
| .23 | פאַרשיידענע געזעלן | 18 |
| .24 | טאָג-לוינער | 6 |
| .25 | שליחים | 4 |
| | ס״ה | 231 |

ווי מיר זעען, האָט די קאַטעגאָריע פון דער יידישער באַפעלקערונג וואָס האָט געלעבט פון אַרבעטס-פּראָפעסיעס ווי אַ הויפּט-באַשעפטיקונג, געציילט 231 פּערזאָן, צווישן זיי זענען געווען 175 זעלבשטענדיקע און 56 אָנגעשטעלטע (געזעלן, דינערשאַפט, טאָג-לוינער און שליחים). מיט מלאכה אַלס נעבן-באַשעפטיקונג האָבן זיך פאַרנומען 10 פּערזאָן — עפּעס מער ווי 4 פּראָצענט.

צו דער גרופּע, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט די א״ג פרייע פּראָפעסיעס, האָבן געהערט 10 פּערזאָן: 4 באַרבירער (אַ באַרבירער האָט זיך אין יענע צייטן אויך פאַרנומען מיט פעלדשעריי), 2 פעלדשערס, 2 הייבאַמס און 2 קלעזמאָרים.

ווען מיר זאָלן די אויסגערעכנטע מלאכות און פּראָפעסיעס (הויפּט- און נעבן-באַשעפטיקונג) סכעמאַטיש גרופּירן אין גרעסערע גרופּן, באַקומט זיך די פאָלגנדיקע טאַבעלע:

**טאַבעלע נומ׳ 3ב**

**מלאכה און פרייע פּראָפעסיעס**

| | פאַך-גרופּע | צאָל | % |
|---|---|---|---|
| .1 | נאָדל-בראַנזשע (זעלבשטענדיקע) | 116 | 48.0 |
| .2 | מעטאַל-בראַנזשע ״ | 17 | 7.0 |
| .3 | דערנערונג-בראַנזשע ״ | 23 | 9.5 |
| .4 | גאַלאַנטעריע-בראַנזשע ״ | 4 | 1.7 |
| .5 | פרייע פּראָפעסיעס (פעלדשער, הייבאַמס, באַרבירער, מוזיקער) | 10 | 4.1 |
| .6 | אָנגעשטעלטע (הויז-דינערשאַפט, געזעלן און טאָג-לוינער) | 56 | 23.5 |
| .7 | טראַנספּאָרט-אַרבעטער | 6 | 2.5 |
| .8 | אַנדערע | 9 | 3.7 |
| | ס״ה | 241 | 100% |

ווי מיר זעען פון דער טאַבעלע, איז כמעט אַ העלפט פון אַלע פאַך-גרופּן געווען באַשעפטיקט אין דער נאָדל-בראַנזשע. אין דעם פּרט איז די פאַך-קאָנסטרוקציע פון דער יידישער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג געווען כמעט ענלעך צו דער וואָס איז געווען דאָמינירנדיק ביז דער ערשטער וועלט-מלחמה.

קליין דאַקעגן איז די גאַלאַנטעריע-בראַנזשע (1.7 פּראָצענט), וועלכע בילדעט היינט אַ היפּשן פּראָצענט פון די יידישע פאַכן.

אויפפאַלנד גרויס איז די צאָל שניידער, וועלכע מאַכן אויס צוזאַמען מיט די געזעלן 70 פּראָצענט פון דער גאַנצער נאָדל-בראַנזשע און קנאַפּע 34 פּראָצענט פון אַלע בראַנזשעס. מען דאַרף אויך אונטערשטרייכן די גרויסע צאָל שמוקלער (15) און קצבים (11) און די קליינע צאָל געזעלן (18).[22] די צאָל איז אפשר געווען אַ פּיל גרעסערע, נאָר צוליב די אויבנדערמאָנטע טעמים האָט מען בכיוון אָנגעגעבן אַ קלענערע צאָל. לערן-יינגלעך זענען אָנגעגעבן בערך 5. אַז די צאָל האָט ווייט נישט געשטימט מיט דער ווירקלעכער, איז איבעריק צו דערמאָנען. כאַראַקטעריסטיש פאַר יענע צייטן איז די גרופּע שליחים (4) — אין אָריגינאַל הייסן זיי Fuss-Bothe — וועלכע ווערן באַנוצט סיי דורך דער קהילה, סיי דורך פּריוואַטע פּערזאָנען. מעגלעך, אַז די פּאָסט האָט זיי אויך באַנוצט אַלס בריוו-טרעגערס. כאַראַקטעריסטיש איז אויך דאָס לחלוטנדיקע פעלן פון שוסטערס און מוליערס. די דאָזיקע פאַכן, אפנים זענען געווען ריין גויש. ווי עס דרינגט אַרויס פון מאַטעריאַל, זענען דעמאָלט קיין גרעסערע אינדוסטריעלע וואַרשטאַטן נאָך נישט געווען. יידישע בעלי-מלאכות האָבן באַטראָפן העכער 55 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל.

## 2. האַנדל

אין אונדזער רעגיסטער זענען אויסגערעכנט פאָלגנדיקע קאַטעגאָריעס:

**טאַבעלע נומ׳ 4א**

**האַנדל**

| | | | |
|---|---|---|---|
| .1 | וואָל- און שניט-סוחרים | 18 | |
| .2 | לעדער-סוחרים | 10 | |
| .3 | קליינהענדלער (געמישטע קראָמען) | 24 | |
| .4 | שענקערס | 22 | |
| .5 | משקאות און רויכוואַרג-הענדלערס | 5 | |
| .6 | מאַרק-שטייער | 21 | |
| .7 | הויזירער | 8 | |
| .8 | תבואה-סוחרים | 1 | |
| .9 | פערד-סוחרים | 1 | |
| .10 | אויסלענדישע סוחרים | 1 | 1 |
| | ס״ה | 111 | |

צו דער קאַטעגאָריע, וואָס האָט געלעבט פון האַנדל, דאַרף מען נאָך צורעכענען 4 מעקלערס. צוזאַמען האָבן געלעבט פון האַנדל 115 פּערזאָן, וואָס באַטרעפט כמעט 25 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג. מיט האַנדל אַלס נעבן-באַשעפטיקונג האָבן זיך פאַרנומען 20 פּערזאָן. זיי באַטרעפן 18% פון דער אַלגעמיינער צאָל סוחרים. ווען מיר פאַרגלייכן די דאָזיקע צאָל מיט דער צאָל פּערזאָנען, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט מלאכה אַלס נעבן-באַשעפטיקונג, באַקומען מיר די פּראָפּאָרץ 4:18 — די צאָל פון די, וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט מיט האַנדל אַלס נעבנפאַך, איז געווען פאַרהעלטנישמעסיק 4.5 גרעסער פון דער צאָל, וואָס האָט געהאַט מלאכה אַלס נעבן-פאַך. די סיבה איז פאַרשטענדלעך. צו מלאכה פאָדערט זיך כאָטש אַ געוויסע ספּעציאַליזאַציע, דאַקעגן צו שטייק אויפן מאַרק, אָדער אין שענק, פאָדערן זיך נישט קיין ספּעציעלע קוואַליפיקאַציעס. ווי מיר זעען טאַקע, געבן די שענקערס און מאַרק-שטייערס די גרעסטע צאָל נעבן-באַשעפטיקטע (14 אויף 43).

דער האַנדל מיט אייזן, פעל און משקאות, ווי ווייַן, ליקער און אַראַק, איז געווען אַ פּריצישער מאָנאָפּאָל און פלעגט אָפּגעגעבן ווערן ס׳רוב צו איינצלנע אין פאַכט.[23] דער אייזן-האַנדל

פאַר 1,200 פלאָרין[24] יערלעך, דער האַנדל מיט פעל 1500 פלאָרין, מיט משקאות פאַר פאַרשיידענע סומעס.

פריער האָט זיך דער פריצישער מאָנאָפּאָל אויסגעשפּרייט אויף אַ גרעסערע צאָל אַרטיקלען און איז, לויטן עדות־זאָגן פון באַריכט, צו שטרענג אָנגעווענדט געוואָרן. די פּראָצענטועלע פאַרהעלטענישן צווישן די פאַרשיידענע האַנדלס־קאַטעגאָריעס זענען אויס פאָלגנדיק:

טאַבעלע נומ׳ 4 ב

האַנדל

| גרופּע | צאָל | % |
|---|---|---|
| 1. וואָל־ און שניט־סוחרים | 18 | 15.6 |
| 2. לעדער־סוחרים | 10 | 8.7 |
| 3. קליין־הענדלערס | 24 | 20.8 |
| 4. שענקער־ און וויין־הענדלערס | 27 | 23.5 |
| 5. מאַרק־שטייערס | 21 | 18.3 |
| 6. הויזירער | 8 | 6.9 |
| 7. מעקלערס | 4 | 3.4 |
| 8. אַנדערע | 3 | 2.8 |
| ס״ה | 115 | 100 % |

ווי מיר זעען פון דער טאַבעלע, באַטרעפן די שענקערס און וויין־הענדלערס כמעט אַ פערטל פון אַלע האַנדל־קאַטעגאָריעס. שענקעריי אין שטאָט און דאָרף איז דעמאָלט געווען אַ זייער פאַרשפּרייטע פּראָפעסיע.

כאַראַקטעריסטיש פאַר יענע צייטן איז אויך די לפי־ערך גרויסע צאָל געווירצן — (בשמים) הענדלערס — 10 (מיר האָבן זיי פאַררעכנט צו דער גרופּע קליין־הענדלערס), ווי אויך קרעמערס פון שמעק־טאַבאַק.

3. קהילה־אַנגעשטעלטע (באַאַמטע)

די דאָזיקע גרופּע, וועלכע געהערט אייגנטלעך צו די פרייע פּראָפעסיעס, רעכענען מיר באַזונדער צוליב איר ספּעציפישקייט און צאָלרייכקייט. לויט דער סטאַטיסטיק, זענען געווען פאָלגנדיקע קהילה־באַאַמטע:

טאַבעלע נומ׳ 5

קהילה־באַאַמטע

| | |
|---|---|
| 1. רב | 1 |
| 2. דיינים | 2 |
| 3. סינדיק (שתדלן) | 1 |
| 4. מלמדים[25] | 11 |
| 5. חזנים | 2 |
| 6. אונטער־חזנים | 2 |
| 7. שוחטים | 4 |
| 8. שמשים | 6 |
| 9. קברנים | 5 |
| 10. סופר | 1 |
| 11. מבקר־חולים | 1 |
| 12. שול־קלאַפּער | 1 |
| צוזאַמען | 37 |

ווי מיר זעען, האָט אַ גרויסע צאָל פון דער יידישער באַפעלקערונג (9.7 פּראָצענט) געלעבט פון און אַרום דער קהילה.

אויפפאַלנד גרויס איז די צאָל מלמדים (11), שמשים (6) און קברנים (5). עס איז זייער מעגלעך, אַז נישט אַלע פון זיי זענען ווירקלעך ווי אַזעלכע געווען ביי דער קהילה אָנגעשטעלט און אַז כדי זיך צו באַפרייען פון צאָלן שטייערן (קהילה־באַאַמטע האָבן אין אַלגעמיין — לויט דעם, ווי עס גיט אָן אונדזער רשימה — נישט געצאָלט קיין שטייערן), אָדער בכלל כדי אָנצוגעבן עפּעס אַ באַשעפטיקונג, האָבן געוויסע יחידים מיט דער שטילשווייגנדיקער הסכמה פון קהל פיקטיוו זיך אָנגעגעבן אַלס אירע אָנגעשטעלטע.

4. הויז־דינערשאַפט[26]

די רשימה רעכנט אויס צוזאַמען אין איין רובריק 25 „קנעכט“, געזעלן און לערן־ייִנגלעך. אין דער צווייטער — 18 דינסט־מיידלעך, צוזאַמען 43 פּערזאָן. די ערשטע רובריק איז זייער נישט קיין גענויע. עס איז שווער פעסטצושטעלן די צאָל פון יעדער גרופּע באַזונדער, פון וועלכער ס׳קאָן זיך נאָר באַקומען אַ בערכדיקע צאָל. לויט אונדזער אָפּשאַצונג, זענען אין דער אָנגעגעבענער צאָל (25), מענלעכע „קנעכט“ געווען 8—10. צוזאַמען אַלזאָ באַטרעפט די הויז־דינערשאַפט 26—28. פונאַנדערטיילנדיק די דאָזיקע צאָל אויף די 352 פאַמיליעס, באַקומט זיך פאָלגנדיקער רעזולטאַט: אויף יעדע 13 פאַמיליעס איין דינער, אָדער דינסט־מיידל. אָננעמענדיק אפילו, אַז די דאָזיקע צאָל איז נישט קיין ריכטיקע (ווייל צוליב די אויבנדערמאָנטע טעמים, צוליב וועלכע מען האָט געהאַט אַ גרונט צו פאַרהוילן פאַר דער מאַכט די אמתע צאָל, איז נאָך צוגעקומען אַ ספּעציעלער: הויז־דינערשאַפט ווייזט אויף פאַרמעגלעכקייט), באַווייזט דאָך די דאָזיקע צאָל, אפילו ווען מיר זאָלן זי פאַרטאָפּלען, אַז נאָר 1/6 פון דער באַפעלקערונג האָט זיך געקאָנט דערלויבן צו האַלטן דינסט־מיידלעך, אָדער „קנעכט“ — אַ גענוג בולטער באַווייז פאַר דעם פאַרמעגנס־צושטאַנד פון דער יידישער באַפעלקערונג.

דינסט־מיידלעך טרעפן מיר נאָך ביי 18 פאַמיליעס און דאָס ביי די רייכסטע, אָדער פאַרמעגלעכסטע משפחות. דהיינו, ביי 4 שניט־סוחרים, לעדער־סוחרים, 2 פאַכטער (פון אייזן און משקאות), גאָלדשמיד, שטאָטישן שתדלן, קצב, שניידער און ביי אַ מלמד, וואָס איז אַ הויז־באַזיצער. ביים רב געפינט זיך אַ מענלעכער דינער (שמש).

צו צוויי: אַ דינסט־מיידל און דינער, אָדער צוויי דינער האָבן נאָר דריי משפחות, וועלכע געהערן אָבער נישט צו די רייכסטע, נאָר צו די מער־פאַרמעגלעכע פאַמיליעס, ווי אַ רייכער זייד־סוחר און צוויי טוך־הענדלערס. אינטערעסאַנט, אַז ביים גרעסטן גביר פון שטעטל (אַ רייכער קצב און פילפאַכיקער פּאַכטער) איז נישט אָנגעגעבן קיין הויז־דינערשאַפט. דינסט־מיידלעך טרעפן מיר אָן נאָך גאַנץ יונגע — פון 12 יאָר, לערן־ייִנגלעך פון 10 יאָר אָן.

5. אָן באַשעפטיקונג

אין דער רובריק "Ohne Gewerbe" זענען אויסגערעכנט 19 פאַמיליעס, ד״ה 5 פּראָצענט. צו דער דאָזיקער גרופּע געהערן 8 יונגע פאַמיליעס (פון 13—20 יאָר), וועלכע געפינען זיך נאָך אויף קעסט ביי די עלטערן. עס ווערט ביי זיי ס׳רוב באַמערקט, אַז נאָכן קעסט־טערמין (מערסטנס ביז דעם 20 לעבנס־יאָר), וועלן זיי ווערן עקאָנאָמיש זעלבשטענדיק, ווייל זיי האָבן דעם נייטיקן פאַרמעגן. פון די איבעריקע איז דער רוב אָדער אַלטע לייט (פון 60—90 יאָר — 6 פּערזאָן), אָדער קאַליקעס (5). מערסטנטייל זיינען ביי זיי קיין קינדער נישטאָ. פון די אָרעמע און אַלטע ווערט אַ טייל אונטערשטיצט פון קהל און אַ טייל אויסגעהאַלטן פון דער פאַמיליע.

מיר האָבן אַ גרונט חושד צו זיין, אַז די צאָל באַשעפטיקונגס־לאָזע איז געווען אַ גרעסערע ווי 5 פּראָצענט. ווי באַקאַנט, האָט די פּריסישע מאַכט אָנגעווענדט רעפּרעסיעס לגבי באַשעפטיקונגסלאָזע יידן. דאָס איז געווען אַ גענוגנדיקער גרונט צו פאַרקלענערן די צאָל פּאַכלאָזע דורך פאַרשוויגן, אָדער דורך אָנגעבן פיקטיווע פּראָפעסיעס.

די פּראָפעסיאָנעלע גרופּעס פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג זענען, בכן, אויס לויט דער טאַבעלע אַזוי:

טאַבעלע נומ׳ 6

די פּראָפעסיאָנעלע סטרוקטור פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג

| פאַך־גרופּע (הויפּט־באַשעפטיקונג) | צאָל | % |
|---|---|---|
| זעלבשטענדיקע: | | |
| 1. מלאכה און אינדוסטריע | 158 | 41.6 |
| 2. האַנדל | 95 | 24.9 |
| 3. קהילה־באַאַמטע און פרייע פּראָפעסיעס | 47 | 12,4 |
| 4. טראַנספּאָרט און קאָמוניקאַציע | 6 | 1.1 |
| אַנגעשטעלטע: | | |
| 1. דינערשאַפט, געזעלן, שליחים און טאָג־לוינער | 56 | 14.8 |
| אָן באַשעפטיקונג: | 19 | 5.2 |
| ס״ה | 381 | 100% |

עס איז נישט אָן אינטערעס אונטערצושטרייכן, אַז לויט אונדזער סטאַטיסטיק, האָט קנאַפּע 42% פון אַלע עקאָנאָמיש־אַקטיווע געלעבט פון מלאכה און נאָר איין פערטל פון האַנדל. ווען מיר נעמען נאָך אין אַכט אַלע אָן אויסנאַם אַרבעטס־מענטשן, ד״ה זעלבשטענדיקע און אָנגעשטעלטע, ווי אויך די פרייע פּראָפעסיעס (אָן די קהילה־באַאַמטע), באַקומט זיך גאַנצע 60%. בערך 80% זענען זעלבשטענדיקע, 15% אָנגעשטעלטע.

## פּרנסות ביי די דאָרפישע יידן

אין די דערפער זענען די פּרנסות געווען פאַרטיילט אויפן פאָלגנדיקן אופן:

טאַבעלע נומ׳ 7א

די יידישע פּרנסות אויפן דאָרף

| | |
|---|---|
| זעלבשטענדיקע: | |
| 1. פּראָפּינאַציע־פּאַכטער | 40 פאַמיליעס |
| 2. קרעטשמער (2 נעבן־באַשעפט.) | 24 |
| 3. שניידער | 7 |
| 4. גאַרבערס (1 נעבן־באַשעפט.) | 7 |
| 5. שוחטים און מלמדים | 3 |
| 6. בעקערס | 1 |
| 7. מילך־פּאַכטערס (נעבן־באַשעפט.) | 1 |
| 8. קרעמערס | 1 |
| 9. זייף־קאָכערס | 1 |
| 10. פורמאַן | 1 |
| נישט־זעלבשטענדיקע: | |
| 11. ביר־און בראָנפן־ברויערס | 14 |
| 12. געזעלן (גאַרבערס) | 2 |
| 13. דינערשאַפט | 25 |
| ס״ה | 127 פערזאָן |

(122 הויפּט־באַשעפט. + 5 נעבן־באַשעפט.)

גרופּירנדיק די באַזונדערע פאַכן אין גרעסערע קאַטעגאָריעס, באַקומט זיך דאָס ווייטערדיקע בילד פון דער פּראָפעסיאָנעלער סטרוקטור פון דער יידישער דאָרפישער באַפעלקערונג:

טאַבעלע נומ׳ 7ב

די פּראָפעסיאָנעלע גרופּעס פון דער יידישער דאָרפישער באַפעלקערונג

| פאַך־גרופּע (הויפּט־באַשעפטיקונג) | צאָל | % |
|---|---|---|
| 1. פּראָפּינאַציע־פּאַכטערס | 40 | 32.5 |
| 2. קרעטשמערס | 22 | 17.9 |
| 3. ברויערס | 14 | 11.4 |
| 4. האַנטווערקער (זעלבשטענדיקע און געזעלן) | 17 | 13.9 |
| 5. כלי־קודש | 2 | 1.6 |
| 6. דינערשאַפט | 25 | 20.3 |
| 7. אַנדערע | 2 | 2.4 |
| ס״ה | 122 | 100.0% |

לויט דער טאַבעלע, זענען די פּראָפּינאַציע־פּאַכטערס געווען די צאָלרייכסטע גרופּע. זיי מאַכן אויס כמעט אַ דריטל פון אַלע באַשעפטיקטע. גרויס איז אויך די צאָל קרעטשמערס (17.9%). בכלל מאַכן די זעלבשטענדיקע צוזאַמען אויס העכער 2/3 (68.7%) און די נישט־זעלבשטענדיקע כמעט 1/3 (31.3%) פון דער גאַנצער יידישער דאָרפישער באַפעלקערונג.

ווי עס ווייזט נאָך די אויבנדיקע טאַבעלע, האָבן מער ווי 60% פון דער יידישער דאָרפישער באַפעלקערונג (76 אויף 122) געלעבט פון „ביטערן טראָפּן" — ווי פּראָפּינאַציע־פּאַכטערס, קרעטשמערס און ברויערס. פון מלאכה און אינדוסטריע האָבן געלעבט 78,8%, פון מסחר — 18,8% פון דער באַפעלקערונג.

די פּראָפעסיאָנעלע ספּעציאַליזאַציע איז אין דאָרף אַ גרעסערע, ווי ביי די שטאָטישע. די פּראָפעסיעס זענען כמעט שאַרף אָפּגעגרענעצט. נאָר 5 פאַמיליעס האָבן טאָפּלטע פּרנסות. אַזוי געפונען מיר צווישן די פּראָפּינאַציע־פּאַכטערס 2, וואָס זענען אויך קרעטשמערס און צווישן די 3 שוחטים איז איינער אויך אַ גאַרבער, דער צווייטער פּאַכטעט די מילך און דער דריטער איז אויך גלייכצייטיק אַ מלמד.

די פּראָפּינאַציע־פּאַכט איז געווען על־פּי־רוב רעגולירט לויט אַ מינדלעכן אָפּמאַך צווישן דעם פּריץ און פּאַכטער. עס טרעפן זיך אויך פאַלן פון שריפטלעכע אָפּמאַכן. וועגן די פּאַכט־באַדינגונגען פון יעדן באַזונדערן פאַל האָט פאַר דער פּרייסישער מאַכט אָפּגעגעבן דערקלערונגען דער פּריץ. זי האָט דורכשניטלעך באַטראָפן פון 150—300 גילדן (די נידעריקסטע 50, די העכסטע 2000). דער פּאַכט־טערמין איז געווען פאַרשידן — ס׳רוב אויף איין יאָר. נאָר אין איין פאַל איז די פּאַכט לעבנסלענגלעך.

אויפפאַלנד איז אויך די פאַרהעלטניסמעסיק גרויסע צאָל גאַרבערס (7), בעת אין דער שטאָט האָבן מיר אָנגעציילט נאָר איין גאַרבער! אפשר איז די סיבה פון דעם דאָזיקן פאַקט דאָס, וואָס דער פּריצישער מאָנאָפּאָל־האַנדל מיט פעלן איז געווען חל נאָר אויף דער שטאָט און נישט אויפן דאָרף, אַזוי אַז אין די דערפער האָבן זיך געשאַפן גוטע באַדינגונגען פאַר גאַרבערייען.

מיט דעם דערקלערט זיך אפשר אויך די גרויסע צאָל שוחטים, וואָס האָבן באַזאָרגט די דאָרף־יידן מיט כשר פלייש, ווייל חוץ די דערמאָנטע 3 דאָרפישע, האָבן אויך 2 שטאָטישע געשחטן פאַר די דערפער.

איין גאַרבעריי איז, ווייזט אויס, געווען אַ גרעסערער וואַרשטאַט. אין אים טרעפן מיר, חוץ דעם אייגנטימער, 3 באַשעפטיקטע אַרבעטער.

פון די 14 ברויערס זענען 5 אַנגעשטעלטע אין די פּריצישע ברויערייען, צוויי ביי יידישע פּראָפּינאַציע־פּאַכטערס און די איבעריקע אין אַנדערע ברויערייען.

די ביידע געזעלן זענען פאַמיליען־פּאַטערס. איינער איז נאָך אַ יונגער (20 יאָר). דער צווייטער איז שוין אַ סך עלטער — 50 יאָר.

עס איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס אין דער רשימה פון די דאָרף־יידן, געפינט זיך נישט קיין איין יידישער ערד־אַרבעטער.[27]

די הויז־דינערשאַפט[28] ביי די ישובניקעס האָט באַטראָפן אָפיציעל 25 פּערזאָן, דערין 7 דינסט־מיידלעך און 18 דינער. אין דינסט־פּערזאָן פאַלט אַלזאָ אויס אויף קנאַפּע 4 פאַמיליעס. ד. ה. — אָפיציעל 3 מאָל אַזוי פיל, ווי ביי די שטאָטישע. די גרעסטע צאָל מענלעכע דינערשאַפט איז געווען באַשעפטיקט ביי די פּראָפּינאַציע־פּאַכטערס (16 פון 18), ווי ביי דער רייכסטער גרופּע ביי די דאָרפישע יידן. פיר האַלטן אפילו צו צוויי (דינסט־מיידלעך און דינער) און איינער, וועלכער האנדלט גלייכצייטיק מיט זאַלץ — אזש דריי מענטשן. צוויי דינסט־פּערזאָנען האָלט אויך דער דאָרף־קרעמער, אין דער צייט, ווען ביי די שטאָטישע געפינען מיר נאָר ביי דריי פאַמיליעס צו צוויי דינסט־פּערזאָנען; צו דריי — געפינען מיר לגמרי נישט. דינערשאַפט האָבן פון אַלע קרעטשמערס נאָר צוויי און פון אַלע בעלי־מלאכות נאָר איין גארבער. עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די דאָרפישע אַרבעטס־באַדינגונגען, אַז די מענלעכע דינערשאַפט איז 2.5 מאָל צאַלרייכער, ווי די ווייבלעכע (18 אויף 7), אין דער צייט ווען ביי די שטאָטישע איז די פּראָפּאָרץ אַ פאַרקערטע: 18 דינסט־מיידלעך אויף בערך 10 דינער. עס איז נאַטירלעך, אַז צו דער שווערער דאָרפישער אַרבעט אין די שענקען, ברויערייען — האָט מען באנוצט מענער. משמעות האָבן אויך מיידלעך זיך נישט גערן פאַרדונגען אויפן דאָרף. די מענלעכע דינערשאַפט איז על־פּי־רוב אין עלטער פון 20—30 יאָר, די דינסטמיידלעך — פון 13—16 יאָר.

כאַראַקטעריסטיש איז דער פאַקט, אַז אין אַלע דערפער, וואָס ווערן אויסגערעכנט אין רעגיסטער, האָבן מיר נאָר געפונען אין איינציקן יידישן קרעמער. וואָרשיינלעך האָבן די שטאָטישע הויזירער, פון איין זייט, און די קרעטשמערס, פון דער אַנדערער, באַפרידיקט אין דעם פּרט די באַדערפעניש פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג.

מען דאַרף אויך אונטערשטרייכן, אַז די רשימה פון די דאָרפישע יידן האָט לגמרי נישט קיין באַשעפטיקונגסלאָזע.

פאַרגלייכנדיק איצט די פּראָפעסיאָנעלע סטרוקטור פון דער שטאָטישער און דאָרפישער באַפעלקערונג, וואָס שייך מלאכה, אינדוסטריע און מסחר, באַקומט זיך פאָלגנדיקע טאַבעלע:

טאַבעלע נומ׳ 8

פאַרגלייך צווישן דער פּראָפעסיאָנעלער סטרוקטור ביי די שטאָטישע און דאָרפישע יידן

| | % |
|---|---|
| שטאָטישע | |
| 1. זעלבשטענדיקע: | 66.5 |
| מלאכה און אינדוסטריע | 41.6 |
| מסחר | 24.9 |
| 2. אַנגעשטעלטע: | 14.8 |
| הויז־דינערשאַפט, געזעלן, טאָג־לוינער | 14.8 |
| דאָרפישע | % |
| 1. זעלבשטענדיקע: | 63.6 |
| מלאכה און אינדוסטריע | 45.0 |
| מסחר | 18.6 |
| 2. אַנגעשטעלטע: | 33.6 |
| דינערשאַפט, ברויערס, געזעלן | 33.6 |

ווען מיר פאַרגלייכן די טאַבעלע, זעען מיר קודם־כל, אַז די צאָל זעלבשטענדיקע איז אין שטאָט אַ גרעסערע, ווי אין דאָרף. די פּראָפּאָרץ איז 63,6:66,5. דאַקעגן איז די צאָל אַנגעשטעלטע אין דאָרף אַ סך גרעסער: 14,8:33,6, ד״ה מער ווי טאָפּלט. דאָס דערקלערט זיך פון איין זייט דערמיט, וואָס די דאָרפישע באַשעפטיקונגען, אלס ספּעציפיש שווערע, ווי די ברוי־הייזער, קרעטשמעס, גאַרבערייען, האָבן געפאָדערט אַ גרעסערע צאָל אַנגעשטעלטע, פון דער אנדערער זייט דערקלערט זיך דאָס — ווי מיר וועלן נאָך האָבן אַ געלעגנהייט צו באַווייזן — מיט דער בעסערער מאַטעריעלער לאַגע פון דאָרפישע יידן.

ווען מיר פאַרגלייכן איצט די צאָל, וואָס איז באַשעפטיקט אין מלאכה, אינדוסטריע, קאָנסטאַטירן מיר, אַז אין דאָרף איז זי גרעסער מיט 3.4%. דאַקעגן איז די צאָל באַשעפטיקטע אין מסחר אין שטאָט אַ גרעסערע מיט 6.3%. ווען מיר וועלן אָבער די הויזירער באַטראַכטן אַלס דאָרף־קרעמערס, וועט זיך די פאַרהעלטעניש אויסגלייכן.

## די מאַטעריעלע פאַרהעלטענישן פון דער יידישער באַפעלקערונג

1. שטאָטישע

אין אונדזער סטאַטיסטישער רשימה געפינט זיך אַן אַלגעמיינער איבערבליק איבער דער לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג.

דער באַריכט באַטראַכט די לאַגע פאַר אַ שלעכטע און ווי סיבות גוט ער אָן די וויִלקירלעכע שטייערן, וואָס דער פּריץ פלעגט אויספּרעסן ביי די קוטנער יידן, ווי אויך דעם פּריצישן האַנדלס־מאָנאָפּאָל פון פאַרשיידענע אַרטיקלען. אַלס באַווייז פאַר דעם שלעכטן עקאָנאָמישן מצב פון דער יידישער באַפעלקערונג גיט אָן דער באַריכט דעם פאַקט, וואָס מען האָט געמוזט אָפּשטעלן דעם בוי פון אַ גרויסער געמויערטער שול, וועלכע מען האָט אָנגעהויבן בויען מיט 30 יאָר צוריק, ד״ה אַרום 1766.

דער באַריכט רעדט אויך וועגן דעם, אַז זייט דעם יאָר 1791 בערך, פילן זיך די קוטנער יידן „גליקלעכער" צוליב דעם, וואָס די שטייערן זענען אין דעם צייט־אָפּשניט פאַרקלענערט געוואָרן, ווי אויך, ווייל דער פּריץ האָט פון פיל רייכערע בעלי־בתים באַקומען געוויסע סומעס אויפן חשבון פון דעם חוב, וואָס די קהילה איז אים שולדיק און אַזוי אַרום האָבן זיך פאַרגרעסערט די הכנסות פון דער קהילה, ווייל ביז איצט פלעגט ער באַקומען די שחיטה־פּאַכט אַלס דעקונג פון חוב.

וועגן דעם פאַרמעגנס־צושטאַנד פון יעדן שטייער־צאָלער באַזונדער, פעלט אונדז אויספירלעכער מאַטעריאַל (אין דער סטאַטיסטיק איז נאָר אָנגעגעבן עפּ״י רוב די באַשעפטיקונג און די סומע שטייערן, וואָס איטלעכער צאָלט). ווי עס ווערט באַמערקט אין באַריכט, האָט דער שטייער־רעגיסטער פון דער קהילה, וואָס האָט געדינט ווי מאַטעריאַל פאַר אונדזערע „אָפּשאַצונג־טאַבעלן", אַנטהאַלטן גענויערע פּרטים וועגן דעם פאַרמעגנס־צושטאַנד פון יעדן שטייער־צאָלער, ווי אויך פון די, וואָס זענען פון שטייערן פריי געווען. ליידער, האָט זיך דער דאָזיקער רעגיסטער נישט אויפגעהיטן און מיר זענען ביים פעסטשטעלן די מאַטעריעלע פאַרהעלטענישן פון יעדער פאַמיליע, אָנגעוויזן נאָר כמעט אויף די שטייער־רשימות, וואָס גיבן אָבער נישט קיין גענוי בילד פון פאַרמעגנס־צושטאַנד פון יעדער פאַמיליע, נאָר אַן אַלגעמיינע און ערכדיקע אָפּשאַצונג. צו אונדזער פּראַגע, קאָנען מיר, ליידער אויך נישט נוצן די רובריק: „לאָקאַטאָר אָדער הויז־אייגנטימער", וואָס געפינט זיך אין אונדזער רשימה. אייגנטלעך וואָלט מען די גרופּע הויז־בעלי־בתים געדאַרפט פאַררעכענען צו דעם קלאַס פאַרמעגלעכע.

ווען אָבער מיר שטויסן זיך אָן אויף הויז־אייגנטימער, וואָס מוזן אָנקומען צו אונטערשטיצונג און בכלל אויף אַ היפּשע צאָל, וואָס מיר פאַררעכענען אויפן סמך פון זייער באַשעפטיקונג און גרויס פון די שטייערן, וואָס זיי צאָלן, צו די נישט־פאַרמעגלעכע, דאַן גיט אונדז דער בלויזער פאַקט פון באַזיצן א הויז אליין, אָדער בשותפות, זייער א נישטיקן, אָדער כמעט גאָר קיין אָנשפּאַר נישט ביים פעסטשטעלן דעם פאַרמעגנס־צושטאַנד פון דער געגעבענער פּעריאָד. ווי מיר זעען פון דער רשימה, איז דער איבערוויגנדיקער רוב הייזער געווען הילצערנע: 97 אויף דער אַלגעמיינער צאָל 100. דאָס באַזיצן פון אַזאַ הילצערן און איינ־פאַלנדיק הייזל, בפרט נאָך בשותפות, האָט וויינציק וואָס אַוודאי געענדערט אין דער פּראַקטישער ווירטשאַפטלעכער לאַגע פון דער געגעבענער פּעריאָד. די דאָזיקע גרופּע האָט געציילט 130 פאַמיליעס, וואָס באַטרעפן 34% פון אַלע יידישע פאַמיליעס. עס זענען פאַראַן אויך רייכע בעלי־בתים. אָבער זיי זענען חוץ דעם אויך רייכע סוחרים. בכלל האָבן מיר זיך אָנגעטראָפן נאָר אויף אַ פּאָר פאַמיליעס, וואָס ציען אַפּנים זייער חיונה אויסשליסלעך פון הויז. (אונדזער רשימה קען איבערהויפּט נישט אַזאַ מ'ן פּרנסה).

ווען מיר נעמען אַלס קריטעריע פון די פאַרמעגנס־פאַר־העלטענישן די גרייס פון שטייער, וואָס איטלעכער האָט געצאָלט, באַקומט זיך די פאָלגנדיקע טאַבעלע:

טאַבעלע נומ׳ 9

## שטייער־פּיראַמידע

| גרופּע | סומע | צאָל פאַמיליעס און ווירטשאַפטן | % |
|---|---|---|---|
| 1 | 2 —20 פל׳ | 115 | 42.2 |
| 2 | 20 —50 | 101 | 37.6 |
| 3 | 50 —100 | 38 | 14.2 |
| 4 | 100—200 | 8 | 3.0 |
| 5 | 200—העכער | 8 | 3.0 |
| | | צוזאַמען 270 פאַמיליעס | 100% |

ווי עס ווייזט די טאַבעלע, האָבן צו דער ערשטער גרופּע, וואָס מיר באַצייכענען אַלס נישט־פאַרמעגלעכע (זיי צאָלן אַ מינימאַלן שטייער), געהערט 155 פאַמיליעס. צו דער צווייטער קאַטעגאָריע, וואָס נעמט אַרום די גרופּן 2 און 3 און וועלכע איז מסתמא (לויט דער גרייס פון די שטייערן) באַשטאַנען פון מער וויניקער פאַרמעגלעכע, האָבן געהערט 139 פאַמיליעס, צו דער דריטער קאַטעגאָריע — רייכערע — 16 פאַמיליעס, צוזאַמען 270 פאַמיליעס.

פון די איבעריקער 88 ווירטשאַפטן זענען געווען פריי פון שטייערן:

1) 26 צוליב אָרעמקייט (הגם זיי זענען באַשעפטיקט);

2) 6 וואָס לעבן פון קהלישער, אָדער פּריוואַטער אונטער־שטיצונג (אַלטע לייט און קאַליקעס);

3) 26 פאַמיליעס קהילה־באַאַמטע (פון 37 פאַמיליעס זענען נאָר 26 געווען פריי פון שטייערן);

4) 8 יונגע פאַמיליעס אויף קעסט;

5) 7 פאַמיליעס פון געזעלן;

6) 15 פאַמיליעס, וואָס האָבן זיך בעת דער ציילונג געפונען אין צושטאַנד פון עטאַבלירונג. (זיי האָבן זיך נאָך נישט געהאַט איינגעאָרדנט און זענען דעריבער נישט צוגעצויגן געוואָרן צו דער שטייערן־לאַסט). ווענן די פאַרמעגנס־פאַרהעלטענישן פון די לעצטע, קאָנען מיר אַפילו דאָס אַלגעמיינע אויך נישט אָנגעבן.

די דאָזיקע 72 שטייער־פרייע פאַמיליעס און ווירטשאַפטן קאָן מען פונאַנדערטיילן אויפן פאָלגנדיקן אופן: צו די אָרעמע פאַררעכענען מיר 32 פאַמיליעס (26+6); די קהילה־באַאַמטע (22) אויסער דעם רב, צוויי דיינים און שתדלן — צו די נישט־פאַרמעגלעכע. צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע קאָנען מיר באַ־שטימט אויך פאַררעכענען די 7 פאַרהייראַטע געזעלן; וואָס איז שייך די 8 פאַמיליעס, וואָס געפינען זיך נאָך אויף קעסט, מוזן מיר זיי צורעכענען צו דער זעלביקער קאַטעגאָריע, וואָס זייערע עלטערן ד"ה לכל־הפּחות צו די פאַרמעגלעכע (מיר מוזן בדרך־כלל אָננעמען, אַז קעסט האָבן געגעבן נאָר פאַרמעגלעכע משפחות).

אין ס"ה באַקומט זיך אַזאַ לפי־ערכדיק בילד פון די פאַר־מעגנס־פאַרהעלטענישן פון דער יידישער באַפעלקערונג.[29]

טאַבעלע נומ׳ 10

| גרופּע | | צאָל פאַמיליעס און ווירטשאַפטן | % |
|---|---|---|---|
| 1 | אָרעמע | 32 | 9.2 |
| 2 | נישט־פאַרמעגלעכע | 144 | 42.1 |
| 3 | פאַרמעגלעכע | 151 | 44.1 |
| 4 | רייכע | 17[30] | 4.6 |
| | ס"ה | 344 | 100% |

מיר וועלן זיך איצט אָפּשטעלן אויף די דאָזיקע באַפעל־קערונג־שיכטן אין צוזאַמענהאַנג מיט זייערע פּרנסות.

### אָרעמע

די דאָזיקע קאַטעגאָריע מאַכט אויס אַ קנאַפּ צענטל פון דער באַפעלקערונג. עס געהערן צו איר בעלי־מלאכות (עלטערע און קראַנקע מענטשן), ווי למשל שניידערס, (ס'רוב לאַטוטניקעס), ווייטער — טאָג־לוינער (5), מעקלערס (1), הויזירער (1), שטאָט־שלוחים (2 אויף 4 בכלל), קירזשנערס (2) אאַז"וו.

צו איר געהערן אויך 6 פאַמיליעס (אַלטע לייט און קאַליקעס), וואָס לעבן פון עפנטלעכער און פּריוואַטער צדקה.

### נישט־פאַרמעגלעכע

די דאָזיקע שיכט איז זייער אַ צאָלרייכע, זי נעמט אַרום טיילן פון כמעט אַלע באַשעפטיקונגס־גרופּעס: פון האַנטווערקער און אַרבעטס־מענטשן — 74 פאַמיליעס, פון קרעמערס — 33. פון דער גרופּע האַנטווערקער זענען נישט פאַרמעגלעך: אַ העלפט שניידערס (36), אַ העלפט שמוקלערס (8), וויניקער ווי איין דריטל קירזשנערס (8), ביי אַ העלפט היטל־מאַכערס (3), ביי אַ דריטל בעקערס (2) אאַז"וו. פון די סוחרים, כמעט אַ העלפט קליינהענדלערס (9), שענקערס (6), און מאַרק־שטייער (8), דער רוב הויזירער (5) און מעקלערס (3). מיר האָבן אויך צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע פאַררעכנט 22 פאַמיליעס קהילה־באַאַמטע. עס איז אינטערעסאַנט, אַז צו איר געהערן 5 פּערזאָן (מיט קליינע פאַמיליעס), וואָס לעבן פון עפנטלעכער אָדער פּרי־וואַטער צדקה, וואָס זענען אָבער אייגנטימער, אָדער שותפים צו „הייזער". זיי צאָלן אַלע דעם הויז־שטייער („פּאָדימנע") און 3 פון זיי אויך די איבעריקע פּריצישע און קהלשע שטייערן. איינער פון זיי ווערט אויסדריקלעך באַצייכנט אַלס בעטלער...

די גרענעצן צווישן די אָרעמע און נישט־פאַרמעגלעכע זענען משמעות געווען זייער פליסיק. מיר געפינען ביי זיי כמעט די זעלבע באַשעפטיקונגען. אַזוי האָבן מיר שטאָט־שלוחים, וואָס זענען באַפרייט פון שטייערן און אַזעלכע, וואָס צאָלן דאָך שטייער.

הגם אַ מינימאַלן. דאָס זעלבע קאָן מען אויך זאָגן וועגן די לאַטוטניקעס און קירזשנערס. דער איבערגאַנג פון איין שיכט צו דער אַנדערער איז אַפּנים געווען אַ לייכטער און אָפטער. דאָס זענען אייגנטלעך צוויי קרובישע שיכטן מיט פאַרשיידענע מדרגות אָרעמקייט.[31] זיי מאַכן צוזאַמען אויס מער ווי אַ העלפט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג — אַ גענוג בולטער באַוויז פאַר דער עקאָנאָמישער לאַגע פון די יידן אין דער צווייטער העלפט פון 18טן י״ה.

### פאַרמעגלעכע

די דאָזיקע קאַטעגאָריע איז די צאָלרייכסטע. זי נעמט אַרום די בעסער סיטואירטע פון אַלע באַשעפטיקונגס־גרופּעס: 90 האַנטווערקערישע משפחות און 47 סוחרישע. פון די האַנטווער־קער זענען געווען פאַרמעגלעך אַ העלפט שניידערס (38), כמעט אַלע קצבים (10), דער רוב קירזשנערס (16), אַלע באַרבירערס (4), די העלפט שמוקלערס (7) א״אַנד.

פון די סוחרים: אַ העלפט שניט־סוחרים (8), די מערהייט לעדער־סוחרים (4), די העלפט קליינהענדלער (13), שענקערס (7), מאַרק־שטייער (8) א״אַנד.

ווי מיר האָבן שוין באַמערקט, געהערן נאָך צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע 4 פאַמיליעס קהילה־באַאַמטע און 8 יונגע פּאָר פּעל־קער (קעסט־קינדער).

### רייכע

צו דער דאָזיקער גרופּע געהערן 17 פאַמיליעס, פון וועלכע מער ווי די העלפט באַשטייט פון טוך־און זייד־סוחרים (9). עס געהערן צו איר ווייטער 2 גאָלדשמידן, 4 פּאַכטערס, פון וועלכע איינער, דער רייכסטער, צאָלט יערלעך פאַר דער שחיטה און פלייש־פּאַכט די היפּשע סומע 6000 פל׳. און פון די איבע־ריקע: פּאַכטעט איינער דעם אייזן־מאָנאָפּאָל פאַר 1200 פל׳. דער צווייטער דער משקאות־האַנדל פאַר 500 פל׳ און דער פערטער — די בריק־אָפּצאָלן („מאָסטאָווע״) פאַר 300 פל׳. רייך איז אויך אַ שמוקלער, וואָס האַנדלט מיט ברעסלע (וראָצלאַוו). ער איז דער איינציקער אויסלענדישער סוחר, וואָס איז פאַר־צייכנט אין דער רשימה.[32]

ווען מיר זאָלן פאַרגלייכן די פאַרמעגנס־פאַרהעלטענישן, לויט דער פּראָפעסיע, קאָנען מיר צונויפשטעלן פאָלגנדיקע טאַבעלע:

**טאַבעלע נומ׳ 11**

**פאַרגלייך צווישן די פאַרמעגנס־גרופּעס ביי די בעלי־מלאכה און סוחרים**

| האַנטווערקער | % | סוחרים | % |
|---|---|---|---|
| אָרעם | 2.1 | אָרעם | 12.6 |
| נישט־פאַרמעגלעך | 34.7 | נישט־פאַרמעגלעך | 38.6 |
| פאַרמעגלעך | 49.4 | פאַרמעגלעך | 46.8 |
| רייך | 13.8 | רייך | 2.0 |
| ס״ה | 100% | ס״ה | 100% |

די אויבנדיקע טאַבעלע ווייזט אונדז, אַז די קאַטעגאָריעס פאַרמעגלעכע און נישט פאַרמעגלעכע זענען, סיי ביי די האַנט־ווערקער, סיי ביי די סוחרים, געווען כמעט גלייך. דער פּראָצענט נישט־פאַרמעגלעכע איז אַ ביסל גרעסער ביי די האַנטווערקער און דער פּראָצענט פאַרמעגלעכע — ביי די סוחרים. די ביידע שיכטן האַלטן איין, קאָן מען זאָגן, די גלייכגעוויכט. גרעסערע אונטערשיידן קאָנסטאַטירן מיר ביי די צוויי עקסטרעמע גרופּעס: אָרעם און רייך. אין דער צייט, ווען ביי די בעלי־מלאכות באַטרעפט די צאָל אָרעמע 12.6 פּראָצענט, באַטרעפט די דאָזיקע צאָל ביי די סוחרים נאָר 2.1 פּראָצענט. ביי די האַנטווערקער און אַרבעטס־פּראָפעסיעס זענען געווען פאַרהעלטענישמעסיק 6 מאָל אַזוי פיל אָרעמע, ווי ביי די סוחרים. אַ פאַרקערטע דערשיינונג זעען מיר ביי דער גרופּע רייכע. ביי די ערשטע באַטרעפט זי נאָר 2 פּראָ־צענט, ביי די צווייטע 13.8 פּראָצענט, ד״ה כמעט 7 מאָל וויניקער.

### 2. די מאַטעריעלע פאַרהעלטענישן ביי די דאָרפישע יידן

פאַר דער דאָזיקער פראַגע איז אונדזער מאַטעריאַל נאָך וויניקער געענוגנד. מיר קאָנען אַפילו נישט, ווי מיר האָבן עס געטאָן ביי די שטאָטישע, נעמען אַלס מער אָדער וויניקער וואָר־שיינלעכע אָפּשאַצונג־קריטעריע די גרויס פון שטייער, וואָס איטלעכער האָט געצאָלט, ווייל אַ דריטל האָט בכלל נישט געצאָלט קיין שטייערן אין דער קאָטנער קהילה (דעם קאָפּ־שטייער האָבן זיי געצאָלט אין די קהילות, צו וועלכע זיי האָבן פריער געהערט) און אַ גרויסע טייל (26 פאַמיליעס) האָט זיך ערשט נישט לאַנג געהאַט איינגעאָרדנט אויף די דערפער און זענען נאָך צו קיין שטייערן נישט צוגעצויגן געוואָרן.[33] נאָר, ווי עס ווייזט אויס, זענען די עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן פון די ישובניקעס געווען בעסערע, ווי ביי די שטאָטישע. מען זעט עס קודם־כל פון דער גרויסער צאָל פּראָפּינאַציע־פּאַכטערס (40 פאַמיליעס). ווי מיר האָבן שוין אויף אַן אַנדער אָרט דערמאָנט, האָט די פּאַכט־סומע באַטראָפן דורכשניטלעך פון 150—300 פל׳ יערלעך. נאַטיר־לעך מוז מען די פּראָפּינאַציע־פּאַכטערס פאַררעכנען צו די מער־וויניקער פאַרמעגלעכערע און אַ פּאָר פון זיי (6 פאַמיליעס) ביי וועלכע די פּאַכט־סומעס באַטרעפן: צו 2000 פל׳ (2), 1700 פל׳ 820, 700 און 600 פל׳ — צו די רייכערע. אַלס פאַרמעגלעך דאַרף מען אויך באַטראַכטן 5 קרעטשמערס, וואָס צאָלן גרעסערע פּאַכט־סומעס — ביז 100 פל׳. ווייטער באַווייזט די בעסערע לאַגע פון די דאָרפישע יידן דער פאַקט, וואָס נאָר אין 7 פאַלן רעדן די מאַטעריאַלן וועגן דער פאַראָרעמטקייט פון די באַטרעפנדיקע פאַמיליעס: צוויי פון זיי זענען פאַראָרעמטע קרעטשמערס. פון וועלכע איינער האָט זיך פאַרדונגען ביים פּריץ, אַלס ברויער, דריי זענען דאָרף־שוחטים, ווייטער — אַן אַלטער שניידער און אַ בעקער, וואָס טראָגט אַרום געבעקס איבער די דערפער. עס איז דערביי אויפפאַלנד, וואָס נאָר צוויי פון זיי (דער אַלטער שניידער און שוחט) זענען גאַנצן פריי פון שטייערן, די איבעריקע דאַקעגן צאָלן אַלע קאָפּ־שטייער. פאַר דער מאַטעריעל־גינסטיקער לאַגע פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג רעדט אויך דער פאַקט, וואָס אין דאָרף מאַכט אויס אָפיציעל איין דינסט־פּערזאָן אויף קנאַפּע 4 פאַמיליעס, אין דער שטאָט דאַקעגן — אויף יעדע 13 פאַמיליעס.

ווען מיר זאָלן פּרוּוון צו באַשטימען די פאַרמעגנס־פאַרהעל־טענישן פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג, קאָנען מיר פעסט־שטעלן בערך פאָלגנדיקע גרופּעס: 1) אָרעמע — 2 פאַמיליעס; 2) נישט־פאַרמעגלעכע: די 5 פאַמיליעס, וואָס מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט, ווייטער 5 גאַרבערס, דריי שניידערס (זיי צאָלן אַ מינימאַלן שטייער), העכסט־וואַרשיינלעך אַלע ברויערס[34] און דעם איינציקן פורמאַן, צוזאַמען 28 פאַמיליעס; 3) פאַרמעגלעכע: 34 פאַמיליעס פּראָפּינאַציע־פּאַכטערס, 5 קרעטשמערס, דער איינ־ציקער זייף־קאָכער און דער דאָרף־קרעמער, צוזאַמען — 41 פאַמיליעס. 4) רייכע — 6 פאַמיליעס פון די רייכסטע פּראָפּינאַציע־פּאַכטערס. אַז די גרופּן 3 און 4 זענען געווען די איינציק פאַר־מעגלעכע, באַווייזט אויך דער פאַקט, וואָס כמעט נאָר ביי זיי טרעפן מיר דינערשאַפט.

### טאַבעלע נומ׳ 12

**די פאַרמעגנס־גרופעס ביי די דאָרפישע יידן**

| | גרופע | צאָל פאַמיליעס | % |
|---|---|---|---|
| 1 | אָרעמע | 2 | 2.6 |
| 2 | נישט פאַרמעגלעכע | 28 | 36.9 |
| 3 | פאַרמעגלעכע | 41 | 52.6 |
| 4 | רייכע | 6 | 7.9 |
| | ס״ה | 77 פאַמיליעס | 100% |

אונדזער טאַבעלע גיט נאָר אַ בערכדיקע אָפּשאַצונג פון 77 פאַמיליעס אויף 102, ד״ה בערך 75 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג. מיר מיינען, אַז די דאָזיקע פּראָצענטועלע פאַר־העלטעניש צווישן די פאַרשיידענע פאַרמעגנס־גרופעס וואָלט זיך אין תוך נישט געענדערט, ווען מיר וואָלטן אריינגערעכנט אויך די איבעריקע 25 פּראָצענט. אויב זי וואָלט זיך יאָ אונטערגע־שיידט פון אונדזערער, וואָלט זי זיכער אָפּגענייגט אין דער ריכטונג צו פאַרגרעסערן די גרופּעס פאַרמעגלעכע, ווייל כמעט אַ העלפט פון די פאַמיליעס, וואָס מיר האָבן נישט גערעכנט, באַשטייט פון קרעטשמערס, וועלכע געהערן גיכער (יעדנפאַלס אין זייער מערהייט) צו די פאַרמעגלעכע, ווי צו די נישט־פאַרמעגלע־כע, און די איבעריקע (בעלי־מלאכות) צאָלן כמעט אַלע קאָפּ־שטייער די קהילות, פון וועלכע זיי שטאַמען, ווי אויך דירה־געלט פון 10—50 פל׳ יערלעך דעם פּריץ פון דאָרף.

ווען מיר פאַרגלייכן איצט דעם פאַרמעגנס־צושטאַנד פון די שטאָטישע און דאָרפישע יידן, באַקומען מיר פאָלגנדיקע טאַבעלע:

### טאַבעלע נומ׳ 13

**פאַרגלייך צווישן דעם פאַרמעגנס־צושטאַנד פון דער שטאָטישער און דאָרפישער באַפעלקערונג**

| | גרופע | שטאָט % | דאָרף % |
|---|---|---|---|
| 1 | אָרעמע | 9.2 | 2.6 |
| 2 | נישט־פאַרמעגלעכע | 42.1 | 36.9 |
| 3 | פאַרמעגלעכע | 44.1 | 52.6 |
| 4 | רייכע | 4.6 | 7.9 |
| | ס״ה | 100% | 100% |

די אויבנדיקע טאַבעלע אילוסטרירט בולט אונדזער טעזע וועגן דער בעסערער עקאָנאָמישער לאַגע פון די ישובניקעס אין פאַרגלייך מיט דער שטאָטישער יידישער באַפעלקערונג. קודם־כל זעען מיר, אַז פּראָפּאָרציאָנעל זענען אין שטאָט געווען מער ווי דריי מאָל אַזוי פיל אָרעמע, ווי אין דאָרף: 9.2 — 2.6. עס איז נישט קיין וואונדער. נאָר אין שטאָט, וווּ עס זיינען געווען פאַר־שיידענע צדקה־חברות, האָט זיך געקאָנט אויסהאַלטן אַ גרעסערע צאָל אָרעמע און מיטללאָזע פאַמיליעס. מיר געפינען טאַקע נישט אין דאָרף אַפילו איין מענטש וואָס זאָל לעבן פון עפנטלעכער צדקה. דער איין־און־איינציקער, וואָס לעבט פון אונטערשטיצונג — אַן אַלטער שניידער ווערט אויסגעהאַלטן דורכן זון. די צאָל נישט־פאַרמעגלעכע איז אין דאָרף קלענער, ווי אין שטאָט — 42.1:36.9. דערפאַר איז די צאָל פאַרמעגלעכע אַ גרעסערע — 44.1:52.6. אויך די צאָל רייכערע משפחות איז אין דאָרף גרעסער ווי אין שטאָט, כמעט נאָך אַ מאָל אַזוי פיל — 4.6:7.9.

די דאָרפס־יידן שטייען אין באַציאונגען מיט די שטאָטישע.

די רייכערע פאַרמאָגן אין דער שטאָט הייזער, אָדער זענען שותפים צו זיי.

## שטייערן

### שטאָטישע

ווי מיר האָבן שוין געהאַט די געלעגנהייט צו באַמערקן, געפינט זיך אין אונדזער סטאַטיסטיק אַ גענויע רשימה פון די שטייער־צאָלערס און שטייערן. מיר וועלן זיך פריער אָפּשטעלן אויף די לעצטע.

ווי עס ווערט דערציילט אין באַריכט, זענען די רשימות צונויפגעשטעלט געוואָרן לויט אַ ספּעציעלן שטייער־רעגיסטער, וואָס איז אריינגעטראָגן געוואָרן דורך די קהילה־פרנסים. אין וועלכע עס איז געווען גענוי אָנגעגעבן די פאַרשיידענע מינים שטייערן, וואָס עס צאָלט יעדער קהילה־מיטגליד, די, וואָס זענען לויט דעם ביזאיצטיקן מינהג באַפרייט געווען פון שטייערן, ווי אויך דער בערכדיקער פאַרמעגנס־צושטאַנד פון די, וואָס זענען יאָ אונטערגעוואָרפן דער שטייער־לאַסט. עס ווערט דאָרט אויך ווייטער באַריכטעט, אַז די קהלשע און די פריצישע שטייערן פון יעדן איינעם ווערן יאָר־יערלעך פעסטגעשטעלט דורך פינף, דורך אַ גורל געוויילטע און געשוואוירענע פערזאָנען, לויט די מאַטעריעלע פאַרהעלטענישן פון איטלעכן צאָלער.[35]

אונדזער סטאַטיסטיק רעכנט אויס דרייערליי שטייערן: 1) קעניגלעכע (Königliche). 2) קהלשע (Synagogale) און 3) פריצישע (Dominale). דער קעניגלעכער שטייער איז באַשטאַנען פון דריי „סוב״־שטייערן: 1. קאָפּ־געלט (Kopf-Geld — pogłówne) רעקרוטן־געלט (Recruten-Geld) און 3. Rauchangsgeld (אַ שטייער פון הייזער — אויף פויליש האָט ער געהייסן podymne).

דעם קאָפּ־שטייער האָבן געצאָלט אַלע שטייער־פליכטיקע. די גרויס פון שטייער איז געווען אַ פאַרשיידענע. ער האָט זיך געוואַקלט אין די גרענעצן פון 3—18 פל׳. אין דורכשניט האָט ער באַטראָפן 6 פל׳ פון יעדער פאַמיליע. לויט דער קאָנסטיטוציע פון סיים פון 1775, האָט מען דעם קאָפּ־שטייער פעסטגעשטעלט אויף 3 פל׳ פון אַ קאָפּ (פון 1 יאָר אָן). אַזוי אָבער ווי מיט דעם אויס־מעסטן און איינקאַסירן דעם דאָזיקן שטייער האָט זיך פאַרנומען די קהילה, האָט מען דעם דאָזיקן פּרינציפּ אין דער פּראַקטיק נישט אָנגעווענדט, נאָר מען האָט אים, ווייזט אויס, אָפּגעשאַצט לויט אַ פאַרמעגנס־קריטעריע. ער האָט אין יאָר 1796 באַטראָפן (פאַר קוטנע נאַטירלעך) 1654 פלאָרין.

דער רעקרוטן־שטייער פיגורירט נאָר אין קעפּל פון דער רובריק, וואָס איז אין גאַנצן ליידיק. קיין רעקרוטן־שטייער, האָבן די פוילישע יידן, ווי מיר ווייסן, נישט געצאָלט. דאָס איז נישט, ווי מיר וועלן ווייטער זען, דער איינציקער שטייער, וואָס פיגורירט אין דער רובריק, הגם מען האָט אַזאַ שטייער נישט געצאָלט. דער פּרייסישער באַאַמטער האָט אַפּנים פון דעם נישט געוווּסט און האָט דעריבער איינגעפירט אין זיינע טאַבעלעס אויך די שטייערן, וועלכע עס האָבן געצאָלט די יידן אונטער פּרייסישער הערשאַפט. דעם „פאַדימנע״־שטייער האָבן געצאָלט נאָר הויז־באַזיצער. דער מינימאַלסטער אָפּצאָל האָט באַטראָפן 2 פל׳, דער מאַקסימאַלסטער — 8 פל׳. ער האָט אריינגעבראַכט פאַר דעם דערמאָנטן יאָר 482 פל׳. צוזאַמען האָט דער קעניגלעכער שטייער באַטראָפן 2136 פל׳.

דער קהלשער שטייער האָט אויך ארומגענומען 3 מינים שטייערן: 1) Synagogaler Beitrag (דער א״ג „עטאַט״). 2) Interessen-Beitrag און 3) Schlacht-Accise. פון די אַלע 3 מינים קהילה־שטייערן האָבן יידן געצאָלט אַלס דירעקטן שטייער נאָר דעם ערשטן. דעם צווייטן, וואָס איז געווען אַ שטייער אויף צו דעקן די פּראָצענטער פון די קהילה־חובות, האָבן זיי אין

גאַנצן נישט געצאָלט און דעם דריטן האָט מען געצאָלט, אָבער נישט דירעקט, אַלס איינמאַליקן שטייער, נאָר אין פאָרם פון שחיטה־אָפּצאָל ביים שעכטן (לויט אַ פעסטגעשטעלטער טאַקסע).

דער מינימאַלסטער עטאַט־אָפּצאָל האָט באַטראָפן 2, דער העכסטער 390 פל' יערלעך. ער האָט פאַר דעם יאָר אריינגעבראַכט 6,539 פל'. פון דער שחיטה, וואָס די קהילה פלעגט אָפּגעבן אין פאַכט, האָט זי געהאַט 3200 פל' הכנסה, צוזאַמען 9,739 פל'.

די דריטע גרופּע שטייערן — די פּריצישע — איז באַשטאַנען פון אַן אַלגעמיינעם דירעקטן שטייער, וועלכן כמעט אַלע האָבן געצאָלט, דעם א"ג „טלאָקי" און פון אַ גאַנצן סיסטעם אומדירעקטע שטייערן אין פאָרם פון ארענדע־אָפּצאָלן:

1) דער צינז פאַר די יאַטקעס, וועלכע עס פאַכטעט אַ שוחט פאַר 200 פל' יערלעך.

2) די „לאַפּאַטקאָווע"־פאַכט — אַן אָפּצאָל פאַר די „לאָפּאַטקעס" פון די בהמות, וואָס האָבן געהערט צום פּריץ. דער פאַכטער איז אַ רייכער קצב און לעדער־סוחר, די פאַכט־סומע באַטרעפט — 1300 פל' יערלעך.

3) די פעלן־פאַכט, אַ שטייער פון פעלן.[36] דעם דאָזיקן שטייער פאַכטעט דער אויבנדערמאַנטער פאַר 1500 פל' יערלעך.

4) די פאַכט פון בריק־אָפּצאָל, דאָס פּוילישע „מאָסטאָווע" דער פאַכטער — אַ בעקער — צאָלט 300 פל' יערלעך.

5) די פאַכט פאַר האַנדל מיט איידעלע משקאות, די פאַכט־סומע האָט באַטראָפן 500 פל' יערלעך.

6) די פאַכט פאַר אייזן־האַנדל, דער אייזן־סוחר צאָלט 1,200 גל' יערלעך.

ווי מען איבערצייגט זיך, האָט דער פּריץ יעדעס יאָר אויסגעפּרעסט פון די קוטנער יידן פאַרן „חסד" צו וווינען אין זיין שטאָט גאַנץ היפּשע סומעס. פאַר דעם אָנגעמערקטן יאָר (1796) האָט דער פּריץ געהאַט 7,321 פל' און 15 גר' הכנסה פון זיינע יידן. פון איין ייד, נעמלעך דעם פאַכטער פון „לאַפּאַטקאָווע" און „סקוראָווע", האָט דער פּריץ געהאַט 2,833 פל' הכנסה.

די אַלגעמיינע סומע שטייערן — מלוכהשע, קהלשע און פּריצישע — האָט אין דעם דערמאָנטן יאָר באַטראָפן 19,196 פל' און 15 גר'. אויף אַ קאָפּ מאַכט אויס, לויט דעם אָפיציעלן חשבון 17,70 פל'. אַזוי ווי שטייער־פליכטיק זענען געווען 270 פאַמיליעס, קומט אויס אין דורכשניט אויף איין פאַמיליע 71,01 פל'.

פון די 357 שטאָטישע פאַמיליעס און ווירטשאַפטן זענען געווען שטייער־פליכטיק נאָר 270 — 75.6%. די קאַטעגאָריעס, וואָס זענען געווען פריי פון שטייערן, האָבן מיר שוין אויסגערעכנט. מיר וועלן נאָר דאָ זיי בקיצור אויפציילן: 1) דער רוב קהילה־אָנגעשטעלטע. 2) געזעלן. 3) אָרעמע (מיט אויסנאַמען), און ענדלעך. 4) די משפחות, וואָס האָבן זיך נאָך נישט געהאַט איינגעאָרדנט בעתן צונויפשטעלן די שטייער־רשימות. אַלס אַ ספּעציעלע גרופּע שטייער־צאָלערס — כאַראַקטעריסטיש אין זין פון שווערער באַלאַסטונג — דאַרפן דערמאָנט ווערן די קצבים, וואָס צאָלן חוץ די אַלגעמיינע שטייערן, נאָך ספּעציעלע אָפּצאָלונגען לטובת די פלייש־פעל און שחיטה־פאַכטערס. די טאַקסע פון אָפּצאָלונגען לטובת דער „לאַפּאַטקאָווע"־פאַכט איז געווען:

| | |
|---|---|
| פאַר 1 אָקס | 3 פל', 25 גר' |
| פאַר 1 ביק אָדער קו | 1 פל', 4 " |
| פאַר 1 קאַלב[37] | 28 " |
| פאַר 1 ציג אָדער שעפּס | 12 " |

די אָפּצאָלונגען לטובת דעם פעל־פאַכטער זענען:

| | |
|---|---|
| פאַר 1 אָקס | 3 פל' |
| פאַר 1 ביק אָדער קו | 2 פל', 15 גר' |
| פאַר אַ קליינע בהמה | 1 פל' |
| פאַר אַ קאַלב, ציג אָדער שעפּס | 1 פל', 15 גר' |

צולעצט די שחיטה־טאַקסע:

| | |
|---|---|
| פאַר 1 אָקס, ביק אָדער קו | 4 פל', 5 גר' |
| פאַר אַ צוויי־יאָריקע בהמה | 2 פל', 25 גר' |
| פאַר אַן איין־יאָריקע בהמה | 1 פל', 10 גר' |
| פאַר אַ קאַלב, ציג אָדער שעפּס | 20 גר' |

ווי מיר זעען אַלזאָ, איז די באַלאַסטונג פון די קצבים מיט די אָפּצאָלונגען לטובת די פאַכטערס געווען אַ גענוג גרויסע. עס איז גענוג צו דערמאָנען, אַז דער צושלאָג צו איין אָקס האָט באַטראָפן 8 פל' מיט 5 גר' און צו אַ קו — 7 פל', 24 גר'. ווען מיר נעמען אין באַטראַכט, אַז אַן אָקס האָט דעמאָלט געקאָסט פון 80—100 פל', אַ קו — 50 פל', דאַן האָבן די פאַרשיידענע אָפּצאָלן באַטראָפן פאַר אַן אָקס פון 8—10 פּראָצענט און פון אַ קו 15—16 פּראָצענט פון זייער נאָמינעלן ווערט. נאַטירלעך, האָבן פאַר דעם באַצאָלט די פלייש־קונים.

פון פאַרקויף פון פלייש האָבן געהאַט אַ יערלעכע הכנסה · די קהילה 3,200 פל' און דער פּריץ 2,800 פל', צוזאַמען 6,000 פל' מען דאַרף אָבער רעכענען, אַז די פאַכטערס האָבן צום עסק נישט צוגעלייגט (מיר שטעלן זיי אַ „באַשיידענעם" פאַרדינסט פון 30—40 פּראָצענט — די „קאַראָבקע"־לייט זענען געווען מענטשן, וואָס האָבן זיך געטויגט צום געשעפט). צוזאַמען אַלזאָ האָט די יידישע באַפעלקערונג געצאָלט ווי אַ ספּעציעלן קאָנסומציע־שטייער פון פלייש בערך 8—9 טויזנט פלאָרין יערלעך. ביי אַזעלכע באַדינגונגען האָט זיך דער נישט־פאַרמעגלעכער ייד געקאָנט דערלויבן עסן פלייש מסתמא נאָר משבת לשבת.

### דאָרפישע

פון די אויבן־אויסגערעכנטע 3 מינים שטייערן האָבן די דאָרפישע יידן געצאָלט פון די מלוכהשע נאָר קאָפּ־געלט און פון די פּריצישע נאָר די נישט־דירעקטע אין פאָרם פון פּראָפּינאַציע־און קרעטשמע־פאַכט. אין קעגנזאַץ צו די שטאָטישע, צאָלן נישט די דאָרפישע יידן דעם שטייער פון היזער, דעם דירעקטן פּריצישן „טלאָקי"־שטייער, ווי אויך לגמרי נישט דעם קהילה־שטייער. ווי מיר זעען אַלזאָ, האָבן די דאָרפישע יידן געצאָלט נאָר איין דירעקטן שטייער — קאָפּ־געלט. ער באַטרעפט כמעט דאָס זעלבע ווי ביי די שטאָטישע, נעמלעך, אין דורכשניט, 6 פל' אויף אַ פאַמיליע. די גאַנצע הכנסה פון דעם דאָזיקן שטייער האָט באַטראָפן 390 פל'. פון דער פּראָפּינאַציע־פאַכט האָט דער פּריץ געהאַט 14,288 פל' הכנסה און פון ארענדירן די קרעטשמעס 256 פל'. ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, האָט די קלענסטע פאַכט־סומע פון דער פּראָפּינאַציע באַטראָפן 50 פל', די גרעסטע — 2000 פל'. די קרעטשמע־פאַכט — די קלענסטע — 20 פל', די גרעסטע 100 פל', די מילך־פאַכט 20 פל'.

פון די 98 דאָרפישע פאַמיליעס האָבן שטייערן געצאָלט נאָר 66, ד"ה 66.8 פּראָצענט. שטייערן האָבן נישט געצאָלט 32 פאַמיליעס: 26 פאַמיליעס ערשט־אָנגעקומענע, 2 געזעלן, 2 אָרעמע פאַמיליעס און 2 פאַמיליעס וואָס זענען געבליבן שולדיק פאַר אַ פאַר יאָר שטייערן (אַ שניידער און קרעטשמער). עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז פון די 22 קרעטשמערס צאָלן פאַכט נאָר 5. ביי כמעט אַלע פון זיי איז בפירוש באַמערקט, אַז זיי צאָלן נישט, אַלס קרעטשמערס, קיין דאָמינאַל־שטייערן (פּריצישע).

צי איז דאָ געווען עפּעס אַ סיסטעם, צי האָט דעצידירט דאָ נאָר דער פּריצישער ווילן און קאַפּריז, איז נישט באַוווּסט. גיכער דאָס

אַנדערע. די 2 דאָרפס־שוחטים האָבן יאָ געצאָלט, ווייל זיי האָבן געהאַט אויך אנדערע נעבן־פּראָפעסיעס.

דער אַלגעמיינער סכום שטייערן פון די דאָרפישע יידן האָט באַטראָפן 14,934 פל׳. אויף אַ קאָפּ האָט אַלזאָ אויסגעמאַכט אין דורכשניט 39.3 פל׳. אויף יעדער פאַמיליע אין דורכשניט 226,3 פל׳. ווען מיר פאַרגלייכן זיי מיט די שטאָטישע שטייערן, זעען מיר, אַז די שטייער־לאַסט אויף יעדן קאָפּ איז אין דאָרף געווען כ״ע־ווי צוויי מאָל אַזוי פיל, ווי אין שטאָט. אויף אַ פאַמיליע מאַכט זי אויס מער ווי דריי מאָל אַזוי פיל. 6 פאַמיליעס האָבן געצאָלט נאָר מיט 42.2 פּראָצענט ווייניקער ווי 270 פאַמיליעס שטאָטישע. די צאָל פאַמיליעס איז מער ווי 4 מאָל אַזוי פיל, בעת די שטאָטישע שטייערן זענען נאָר מיט 28 פּראָצענט גרעסער, ווי די דאָרפישע.

די פאַרשיידענע פּאַכט־אָפּצאָלונגען, וואָס די דאָרפישע יידן האָבן געצאָלט דעם פּריץ, זענען כמעט צוויי מאָל אַזוי גרויס, ווי די פּריצישע שטייערן, וואָס האָבן געצאָלט די שטאָטישע — 7,321:14,564. ביי די ישובניקעס פאַלן שטאַרק אין וואָג די פּאַכט־סומעס פון דער פּראָפּינאַציע, וואָס באַטרעפן אַליין 14,288 פל׳.

טאַבעלע נומ׳ 14

שטייערן־טאַבעלע פון די שטאָטישע און דאָרפישע יידן

| שטאָטישע | סכום | דאָרפישע | סכום |
| --- | --- | --- | --- |
| מלוכהשע | 2,136 פל׳ | מלוכהשע | 390 פל׳ |
| קהלשע | 9,739 ״ | קהלשע | — |
| פּריצישע | 7,321 ״ | פּריצישע | 14,544 ״ |
| ס״ה | 14,934 פל׳ | ס״ה | 19,196 פל׳ |

צוזאַמען 34,130 פלאָרין

ווי מיר זעען פון דער טאַבעלע, האָבן די פּריצישע שטייערן און פּאַכטן באַטראָפן 21,865 פל׳, ד״ה מער ווי 64 פּראָצענט פון אַלע שטייערן! די קהלשע באַטרעפן 25 פּראָצענט. אַמווייניקסטן באַטרעפן די מלוכהשע — 2,526 פל׳, ד״ה קנאַפּע 10 פּראָצענט.

צוזאַמען באַטרעפן די שטייער־פליכטיקע פאַמיליעס און ווירטשאַפטן אין שטאָט און אין די דערפער 337. לויט דעם חשבון, וואָס עס מאַכט דער פּרייסישער באַאַמטער (מן הסתם פאַר דער צוקונפט), געפינען זיך צווישן דער שטאָטישער און דאָרפישער באַפעלקערונג מער שטייער־פליכטיקע, דהיינו 428. דער חשבון זיינער איז אַזאַ: ער באַרעכנט די צאָל נפשות אויף 1452, פון דעם גייען אַראָפּ אַלס שטייער־פריי: 1. זקנים־מענער פון 60 יאָר אָן — 81 2. פרויען (אָן אונטערשייד) — 426; 3. יינגלעך, אונטער 14 יאָר — 247; 4. טעכטער (אָן אונטערשייד) — 230; 5. מענלעכע דינערשאַפט אונטער 14 יאָר — 5, 6. ווייבלעכע דינערשאַפט — 25. צוזאַמען — 1024. בלייבט אַלזאָ אַלס שטייער־פליכטיק 428 (1452—1024).

מסתמא איז די צאָל 428 געווען נאָר אַ טעאָרעטישע, וואָס וואָלט אין דער פּראַקטיק ביים באַשטימען די צאָלונג־פעיקייט פון יעדן באַזונדער, געמוזט שטאַרק מאָדיפיצירט ווערן. אונטער דעם דאָזיקן חשבון געפינט זיך די חתימה פון פלאָצקער רעגענט דאַמאַן מיט דער דאַטע: 1796, 8/5, פלאָצק.

עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם פּרייסישן פיסקאַלן שטייער־סיסטעם, אַז דער באַאַמטער באַגנוגנט זיך נישט דערמיט, וואָס ער האָט טעאָרעטיש פאַרגרעסערט די צאָל שטייער־פליכטיקע פון 336 אויף 428, נאָר פאַרגרעסערט זי באַלד אויף דער אַנדערער זייט דורך אַ פּרישן (פּרייסישן...) חשבון איין מאָל אויף 873 נפשות און אַ פּאָר שורות ווייטער, אויף גאַנצע 1254! ד״ה, אַז צאָלן דאַרפן אַלע — צי זיי קאָנען יאָ, צי נישט, אפילו קינדער אין די וויקעלער.

מיר האָבן דעם איינדרוק, אַז די לעצטע צוויי צונויפרעכענונגען זענען געווען עפּעס פּריוואַטע חשבונות פון אַ דינסט־גרייטן און צו אייפעריקן באַאַמטן, וועמענס כוונה עס איז געווען צו רייסן פון דער יידישער באַפעלקערונג וואָס גרעסערע שטייערן.

די דאָזיקע השערה באַקרעפטיקט אין אַ גרויסער מאָס דער פאַקט, וואָס אונטער זיי געפינען מיר שוין נישט די אונטערשריפט פון דאַמאַנען, ווי ביי דער ערשטער צונויפרעכענונג. ווי די זאַך זאָל נישט זיין, האָט, ווי מיר זעען, די פּרייסישע רעגירונג שטאַרק פאַרגרעסערט די צאָל שטייער־פליכטיקע. ווען מיר זאָלן צום פאַרגלייך נעמען נאָר די ערשטע (אָפיציעלע?) צאָל, באַקומט זיך, אין פאַרגלייך צו דער צאָל שטייער־פליכטיקע אונטער דער פּוילישער הערשאַפט, די פּראָפּאָרץ 336:428; ד״ה מיט 27 פּראָצענט מער.

## די קהילה

לויט דעם באַריכט, האָט אַלס באַזע פאַר די באַציונגען צווישן פּריץ און די יידן, וואָס זענען פאָרמולירט געוואָרן אין אַ באַזונדערן אָפּמאַך (אין אָריגינאַל הייסט ער Pacht-Contract), געדינט דער פּריווילעג פון דעם לעצטן פּוילישן קעניג, סטאַניסלאַוו אויגוסט פון 22/11, 1796 פאַר דעם קוטנער פּריץ. די דאַטע איז באַשיינפערלעך אַ פאַלשע, ווייל ווי באַקאַנט, האָט סטאַניסלאַוו אויגוסט אבדיקירט אין יאָר 1795. איז, אָדער מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ טעות, אַלס רעזולטאַט פון שרייבערס עם־הארצות, אָדער מיר האָבן דאָ בכלל אַ פאַלסיפיקאַט.

אין דעם אָפּמאַך זענען געווען אויסגעפירלעך באַשטימט:

1. דער פּריצישער האַנדל־מאָנאָפּאָל; 2. דער פאַרנעם פון דעם פרייען האַנדל; 3. דער רעסאָרט צו וועלכן יידן געהערן אין פּאָליציי און געריכטס־ענינים, ווי אויך 4. די רעכט פון די יידישע איינוווינערס. לײדער האָט זיך אונדז נישט איינגעגעבן צו געפינען דעם דאָזיקע וויכטיקן דאָקומענט. צו קוטנער קהל האָבן פריער — לויט דעם עדות פון באַריכט — געהערט די יידן פון די שטעט זשיכלין און גאָסטינין. זיי האָבן געצאָלט שטייערן אין דער קוטנער קהלשער קאַסע. זיי האָבן זיך אָבער לעצטנס אָפּגעריסן און געבילדעט זעלבשטענדיקע קהילות מיט אייגענע רבנים. דער פּרייסישער שרייבער באַצייכנט דעם גאָסטינינער רב אַלס אומגעזעצלעכן, ווייל ער פאַרמאָגט נישט די נייטיקע קוואַליפיקאַציעס און פאַרנעמט זיך, אין קעגנזאַץ צו די יידישע דינים(׳) מיט האַנדל.

צו דער קהילה האָבן אויך געהערט די יידן, וואָס האָבן געוווינט אין די אַרומיקע 71 דערפער. זיי צאָלן די שטייערן אין דער קהלישער קאַסע און מוזן, אונטער אַ חרם, קומען אין שטאָט אָנגעבן די נייטיקע אינפאָרמאַציעס.

די קוטנער קהילה האָט זיך אַרום דעם יאָר 1796 נישט געפונען — לויטן עדות־זאָגן פון אונדזער שרייבער — אין קיין שום פאַרבינדונג מיט די קהילות פון אנדערע דעפּאַרטאַמענטן און קאַמערן (פּרייסישע), ווי אויך נישט מיט אנדערע פּוילישע קהילות און „לאַנד־סינאָדן" (ועדי־הגליל).

די קהילה, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, האָט אַרום 1796 געהאַט אַ רב — ער הייסט ר׳ טוביה, צוויי דיינים (איינער הייסט אין טעקסט Beisitzer), אַ שתדלן (Syndik), 4 שוחטים (2 פאַר די דאָרפישע יידן), 4 חזנים, 11 מלמדים, 6 שמשים, 5 קברנים, אַ סופר און שול־קלאַפּער.

חוץ די קהלשע מלמדים, זענען אויך געווען פּריוואַטע. ווי מיר האָבן שוין אויבן באַמערקט, איז די צאָל קהילה־באַאַמטע געווען פּראָפּאָרציאָנעל זייער אַ גרויסע. צי זי איז פאַקטיש געווען אַזוי, האָבן מיר אַ גרונט צו צווייפלען.

אַלס ראשי־קהל זענען אין די אַקטן אויסגערעכנט 4 פּערזאָן. שלום בן מאיר — אַ רייכער טוך־סוחר, דער שוין פיל מאָל דער־

מאָנטער שחיטה־פּאַכטער און קצב הירש בן לייבל,[38] אַ וויין־שענקער וואָלף בן חיים (ער האַנדלט מיט וויין פּריי, „אויס באַזונדערן חסד פון פּריץ"...) און אַ שניידער — פון די פאַרמעגלעכסטע — שלמה בן אברהם. זונדזער סטאַטיסטיק רעכנט אויך אויס אַ שול (שוין בויפעליק) און א בית־המדרש —ביידע הילצערנע געביידעס. וועגן דעם בוי פון אַ געמויערטער שול, וועלכן מען האָט אָנגעהויבן אין יאָר 1766 און וואָס מען האָט געמוזט צוליב דער שלעכטער לאַגע, אָפּשטעלן — האָבן מיר שוין אויף אַן אַנדער אָרט באַמערקט (די שול איז פאַרטיק געוואָרן אין יאָר תקנ"ט — 1799).[39]

קהל האָט אויך אויסגעהאַלטן אַ הכנסת אורחים. זיינע הכנסות האָט קהל געהאַט פון דעם דירעקטן קהילה־שטייער, וואָס האָט געגעבן אַ יערלעכע הכנסה פון 6539 פל' און פון דער שחיטה־פּאַכט. ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, האָט די פּאַכט־סומע פאַרן יאָר 1796 באַטראָפן 3200 פל'. צוזאַמען האָבן די הכנסות פאַרן יאָר 1796 באַטראָפן 9739 פל'. ביז אַהער האָט די הכנסה פון דער שחיטה צוגענומען דער פּריץ אַלס דעקונג פון דעם חוב, וואָס די קהילה איז אים געווען שולדיק, פון וועלכער ער האָט געהאַט 2600 פל' יערלעך הכנסה. צום ערשטן מאָל אין יאָר 1796 איז די הכנסה פון דער שחיטה אַריינגעפלאָסן אין דער קהילה־קאַסע.

דער העכסטער קהילה־שטייער („עטאַט") האָט באַטראָפן 390 פל', דער קלענסטער — 2 פל'. דער קהילה־שטייער איז על־פי־רוב געשטאַנען אין אַ קאָרעספּאָנדירנדיקער באַציונג מיט די צוויי מינים אַנדערע שטייערן — קעניגלעכע און פּריצישע, ד"ה די פּערזאָן, וואָס האָט געצאָלט אַ הויכן קהילה־שטייער, האָט אויך געצאָלט הויכע פּריצישע און מלוכהשע שטייערן. עס זענען אָבער אויך דאָ אויסנאָמען. די דאָרפס־יידן האָבן נישט געצאָלט קיין קהילה־שטייער. לויט דעם באַריכט, שרייבן צו די פרנסים די שולד פאַר דער דאָזיקער פּריווילעגיע פון די דאָרפס־יידן — דעם פּריץ, וואָס האָט נישט דערלויבט אַרויפלייגן אויף „זיינע" יידן דעם קהילה־שטייער. דער שרייבער איז מוסיף, אַז כדי צו מאַכן דעם פּריץ „גינסטיק און געפעליק", האָט די קהילה מוותר געווען אויף דער הכנסה פון די ישובניקעס. אַזוי איז פון פּריצישן ווילקיר געוואָרן אַ פעסטגעזעצטער מנהג.

אין קעגנזאַץ צו דעם, ווערט דערציילט אין ח"ק־פּנקס, אַז אַ גאָלעמביאָווער ארענדאַר צאָלט יאָ קהילה־שטייער. מעגלעך אָבער, אַז דער פּנקס מיינט דאָ נישט דעם אייגנטלעכן קהילה־שטייער, נאָר דעם מלוכהשן קאָפּ־שטייער, וועלכן די דאָרפס־יידן האָבן אויך געצאָלט. די קהילה־קאַסע האָט געליטן פון אַ כראָנישן דעפיציט.

### די חברה־קדישא

וועגן דער חברה־קדישא אין יענער צייט האָבן מיר צוויי מקורות: אַ קורצער באַריכט אין דעם פּרייסישן דאָקומענט און דעם חברה־קדישא־פּנקס. דער חברה־קדישא־פּנקס האָט געשטאַמט פון יאָר 1808. מיר געפינען אָבער אין אים אַ פּאָר בלעטער, פון וועלכע די עלטסטע שטאַמען פון יאָר תקט"ו (1755). אין פּנקס ווערט דערציילט, אַז מען האָט ביי זיי צוגענומען („מפני סוד כמוס") דעם עלטערן פּנקס. די סיבה, ווי אויך די אומשטענדן, זענען נישט אָנגעגעבן. מען קאָן נאָר משער זיין, אַז דאָס האָט אפשר געטאָן די פּרייסישע אָקופּאַציע־מאַכט. די בלעטער פון יאָר 1755 און ווייטערדיקע שטאַמען טאַקע פון דעם אַלטן פּנקס. מען האָט זיי, ווייזט אויס, אַרויסגעריסן און אַריינגעקלעפּט אין דעם נייעם, לזכרון. צוזאַמען מיטן גאַנצן קהילה־אַרכיוו און דעם גאַנצן יידישן קולטור־פאַרמעגן, איז אויך דער ח"ק־פּנקס געגאַנגען לאיבוד בימי־היטלער.[40]

דער פּנקס, וואָס זיינען תקנות שטאַמען פון תחילת 19־טן יאָרהונדערט, דערגאַנצט אין אַ ריי וויכטיקע פּרטים דעם באַריכט. אַזוי, אַז אויפן סמך פוןביידע דאָקומענטן, קאָן מען זיך שאַפן אַ בילד וועגן דער אָרגאַניזאַציע און טעטיקייט פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע.

בראש פון דער חברה זיינען געשטאַנען די גבאים אויסגעוויילטע אויף אַ יאָר אין דער אַלגעמיינער קלפּי. די וואַלן פלעגן פאָרקומען אסרו־חג פּסח. פון דער קלפּי, אין וועלכער מען האָט אריינגעלייגט צעטעלעך מיט נעמען פון אַלע וואַל־באַרעכטיקטע חברים, פלעגט מען אַרויסנעמען 5. די דאָזיקע פינף, גערופן כשרים, האָבן אויסגעפירט די פונקציע פון גבאים במשך 8 טעג, ד"ה ביז ר"ח אייר. ביז דער דאָזיקער דאַטע זענען זיי געווען מחויב צו נאָמינירן די דריי גבאים און זייערע דריי שטעל־פאַרטרעטערס. די אָפּטרעטנדיקע גבאים האָבן נישט געטאָרט נאָך אַ מאָל נאָמינירט ווערן. די כשרים איז אויך געווען פאַרווערט זיך אַליין צו באַשטימען אויפן אַמט פון גבאי, זיי האָבן אָבער איינגעהאַלטן געוויסע פּרעראָגאַטיוון: זיי האָבן געהאַט רעכט אָנצונעמען נייע חברים און אריינשרייבן אין פּנקס נייע תקנות, בכן, האָבן זיי אויסגעפירט די פונקציע פון בעלי־תקנות אין אַנדערע קהילות. פּאַסיווע וואַל־רעכט האָט מען געהאַט ערשט נאָך 6 יאָר זיין אין דער חברה, אַקטיווע וואַל־רעכט — נאָך 3 יאָר. ביז דעם דאָזיקן טערמין פון פולבאַרעכטיקייט האָט מען זיך גערופן „מלאָדזש" (פון פּוילישן młódź — ד"ה יינגע). אַ „מלאָדזש" האָט געמוזט פאָלגן אַן עלטערן חבר און אויספירן אַלע פליכטן פון אַ חבר. אַן אויסנאַם איז געמאַכט געוואָרן פאַר תלמידי־חכמים און גבירים. זיי זענען נישט געווען מחויב במשך די ערשטע 6 יאָר אויסצופירן די התחייבותן פון אַ „מלאָדזש".

להיפוך צו דעם פּרייסישן באַריכט, ווערט אין פּנקס אונטערגעשטראָכן, אַז די גבאים זענען אויף דער וואַל־פאַרזאַמלונג געווען מחויב אָפּצוגעבן אַ קאַסע־באַריכט. די חשבונות פלעגן מוזן באַשטעטיקט ווערן דורך די שטעל־פאַרטרעטערס. יעדן חודש פלעגט אַן אַנדערער גבאי שטיין בראש פון דער חברה ווי דער חודש־גבאי. די גבאים האָבן געמוזט זיין פאַרמעגלעכע און פון אַ מאָראַלישן לעבנס־אויפפיר.

חוץ איר אייגנטלעכער אויפגאַבע פון זיך מתעסק זיין מיט קבורה, האָט די חברה געהאַט נאָך אַנדערע אויפגאַבעס: מבקר זיין קראַנקע, טיילן קיצבה אָרעמעלייט און כיבוד יום־טוב די כלי־קודש.

דער חברה־שמש איז מחויב געווען צו נעכטיקן די ערשטע נאַכט ביים קראַנקן, שפּעטער האָבן דאָס געטאָן חברא־לייט, לויט איינזען פון גבאי־חודש, וואָס פלעגן אויפפאָדערן די חברים לויט „פעלטן" (קוויטלעך). שפּעטער האָט שוין אויך די חברה־קדישא געהאַט אירס אַ שפּיטאָל (הקדש). ווי דערמאָנט, פלעגט די חברה־קדישא אויסצאָלן חודשלעכע שטיצע אָרעמעלייט, אלמנות ווי אויך חזנים, מלמדים, שמשים א"אַנד נידעריקע כלי־קודש. לויט אַ רשימה פון 1811, האָט די חודשלעכע שטיצע אויסגעצאָלט פון דער חברה, באַטראָפן 88 גל'. לויט דעם פּרייסישן באַריכט, האָט די יערלעכע הוצאה פון דער חברה אין די יאָרן 1795—1796 באַטראָפן 840 גל'. די הכנסות פון דער חברה זענען באַשטאַנען: פון איינקויפגעלט פון יעדן חבר, פון זאַמלען מיט דער „ביקס" (פּושקע) אויף יעדער לוויה אין פרייטאָגס, פון די חודשלעכע אָפּצאָלן פון די חברה־לייט לטובת אָרעמע, פון די הכנסות פון דער מקוה וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן פון אירע פאָנדן און דורך איר אויסגעהאַלטן און פון אָפּצאָלן פאַר קרקע.

די לעצטע האָט מען געצאָלט פּראָפּאָרציאָנעל צום פאַרמעגן פון בר־מינן. דער העכסטער אָפּצאָל האָט בעת דער פּרייסישער הערשאַפט באַטראָפן 180 גל', דער נידעריקסטער — 3 גל'.

עס זענען נאַטירלעך אויך געווען בחינומדיקע לוויות. אַ חבר האָט פאַר זיין קרקע געצאָלט נישט מער ווי 10 גל׳, ווי רייך ער זאָל נישט זיין. 10 גל׳ האָט אויך באַטראָפן דאָס איינשרייבגעלט פון אַ זון פון אַ חבר (פרעמדע האָבן געצאָלט מער). זייער „מלאָדזשעסטוואָ״ האָט זיך אָבער גערעכנט ערשט פון נאָך דער חתונה. דאָס שכירות פון חברה־שמש זענען באַשטאַנען פון אַלע איינקונפטן פון דער מקוה, פון דער „ביקס״ און פון 30 גל׳ אַ יאָר. אין באַריכט ווערט זיין יערלעכער געהאַלט באַרעכנט אויף 300 גל׳ יערלעך.

פאַר דעם סאָציאַלן פּנים פון דער חברה איז סימפּטאָמאַטיש דער פאַקט, אַז ווען אַ חבר, אַ זון פון אַ קצב, האָט זיך אָנגעהויבן פאַרנעמען מיטן פאָטערס פאַך, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס ביים איינשרייבן האָט ער צוגעזאָגט דאָס נישט צו טאָן, האָט מען ביי אים צוגענומען די קלפי־רעכט (פּראָטאָקאָל פון 1810).

די חברה קדישא האָט פאַרנומען אין דער קהילה אַן אָנפירנדיקע פּאָזיציע און טיילווייז קאָנקורירט מיט דעם קהל. די זעלביקע פּערזאָנען שטייען אַ מאָל בראש פון ביידע אינסטיטוציעס (אין יאָר 1808 איז דער ראש־הקהל משה מייזלער געווען אויך גבאי אין דער חברה). צו איר געהערן די הכנסות פון דער מקוה (זי איז, ווי דערמאָנט, אויסגעבויט געוואָרן פון אירע פאָנדן, ענלעך ווי אין אַ צאָל אַנדערע קהילות אין דער זעלבער צייט). זי האָט אַ גרויסע השפּעה אויף דעם צדקה־וועזן, קראַנק־פלעגע א״אַנד. סימפּטאָמאַטיש פאַר איר קאָנקורירנדיקער שטעלונג לגבי קהל איז דער פאַקט, וואָס ווערט איבערגעגעבן אין א פּראָטאָקאָל פון 1791, דהיינו, אַז מיט 3 יאָר צוריק (1787) האָט זי רעדוצירט אַ שכנישן דאָרף־אַרענדאר (פון גאָלעמביאָוו) די סומע פון קאָפּ־שטייער במשך 3 יאָר, היות ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער 300־גילדנדיקער הלוואה וואָס ער האָט געליען אויף צוצוקויפן פעלד פאַרן בית־עולם.

עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז קהל האָט געהאט פאַרמשכנט ביי אים, ווי אַ פאַרזיכערונג פון דער הלוואה, דעם זילבערנעם שמוק פון די ספרי־תורות.

## די שול־קאַסע

איז לויטן באַריכט פון שרייבער אומבאַדייטנדיק און האָט דעריבער געהאַט נאָר איין גבאי, וועלכער האָט פאַרנומען שוין דעם אמט אַ פּאָר יאָר. זי האָט געהאט אירע הכנסות פון נדרים, וועלכע מען פלעגט מנדר זיין ביים דאַווענען אין שול. (זיי האָבן אריינגעבראַכט דורכשניטלעך 400 פל׳ יערלעך). דאָס געלט איז געגאַנגען אויף באַלייכטונג פון דער שול און קליינע רעמאָנטן. די הכנסות האָבן געדעקט די הוצאות.

מצד דער פּרייסישער מאַכט — ווערט דערציילט אין באַריכט — האָט מען אויפמערקזאַם געמאכט, אַז די הכנסה פון 400 פל׳ שיינט צו זיין צו קליין און אַז אין אַנדערע קהילות באַטרעפן זיי אַ פּאָר טויזנט פל׳. דער גבאי און די פּרנסים האָבן דאָס דערקלערט דערמיט, וואָס צוליבן שלעכטן מצב פון דער שול, קומט נישט דער עולם דאַווענען אין ווינטער און ביי שלעכטע וועטערן. דעריבער זיינען די הכנסות שטאַרק געפאַלן.

## חובות

אַ באַזונדער קראַנקער פּונקט אין די פינאַנצן פון די קהילות זענען געווען די חובות. די פאַראָרעמונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין 18טן יאָרהונדערט האָט ממילא גורם געווען צו דער פאַרערגערונג פון דעם פינאנציעלן מצב פון די קהילה־קאַסעס. און גראָד זענען די הוצאות פון די קהילות אין 18טן יאָרהונדערט שטאַרק אויסגעוואַקסן.

חוץ די געוויינלעכע און אויסערגעוויינלעכע שטייערן, וואָס קהל צאָלט דער מלוכה, די מאַגיסטראַטן און די שררות, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין וואַקסן, האָבן זיך שטאַרק פאַרגרעסערט די אויסגאַבעס אויף השתדלנותן, אויף אויסצוקויפן די אומשולדיקע קרבנות פון די אָפטע ריטועלע פּראָצעסן דורך פּעטן שוחד, אויף צדקה אאז״וו.

עס האָט נישט געראַטעוועט די לאַגע דאָס העכערן די קהלישע שטייערן און איינפירן פאַרשיידענע קאָנסומציע־שטייערן („קאָראָבקע״) פון פלייש א״אַנד אַרטיקלען, וועלכע האָבן זיך געלייגט, ווי אַ שווערע לאַסט, אויף דער אָרעמער באַפעלקערונג — די קהילה־קאַסע איז ווייטער פוסט. קהל מוז אָנקומען צו קרעדיטן. און קרעדיטן האָט קהל גראָד געקאָנט באַקומען גאַנץ לייכט. אין פּוילן, ווו די בענק באַווייזן זיך ערשט ביים סוף פון 18טן יאָרהונדערט, איז נישט געווען ווו צו לאָקירן גרעסערע קאַפּיטאַלן. אַזוי ווי די קירכן־געזעצן האָבן נישט דערלויבט צו נעמען פּראָצענט, האָט מען גערן געבאָרגט יידן, בפרט קהל, וועלכע איז אין די ערשטע צייטן אָנגעגאַנגען פאַר אַ גרויסן בטוח. די קאַפּיטאַל־רייכע פּוילישע ספערן, ווי די שררות, און הויפּטזאַכלעך דער רייכער קלער — ווערן די הויפּט־קרעדיטאָרן פון די יידישע קהילות. די קהילות האָבן אָבער צוליב דער וואָס מער איינרייסנדיקער פּאַפּעריזאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג, דער אַנאַרכישער און אָפט מיסברויכנדיקער געלט־ווירטשאַפט פון די קהילה־פּרנסים, נישט געקאָנט צאָלן די חובות. און כדי צו דעקן די אָנגעוואַקסענע פּראָצענטער, נעמען זיי פרישע הלוואות — און אַזוי וואַקסן כסדר די התחייבותן פון די קהילות און גרייכן אין די שווערע הונדערטער טויזנטער גילדן. ווי באַקאַנט, האָבן זיך אַלע פּרוּוון צו רעגולירן די פינאַנצן פון די קהילות, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן דורך דער פּוילישער רעגירונג — זיך נישט איינגעגעבן און די מלוכות, וואָס האָבן געירשנט פּוילן, האָבן אויך געירשנט דאָס פאַרוויקלטע פּראָבלעם, וואָס האָט געהייסן „ליקווידאַציע פון די יידישע חובות״.

אויך די קוטנער קהילה איז אין דעם פּרט נישט געווען קיין אויסנאַם. איר קרעדיטאָר איז געווען דער קוטנער שררה. אין 1791 האָט די קוטנער קהילה — לויט דעם עדות־זאָגן פון באַריכט — געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט דעם דאַמאָלסדיקן פּריץ, דעם וואָיעוואָדע גאַדאָמסקי, אין וועלכן זי האָט זיך פאַרפליכטעט צו צאָלן 3500 פל׳ יערלעכן פּראָצענט. זיין נאָכפאָלגער, דער פּריץ זשענטקאָווסקי, פלעגט באַקומען אַלס דעקונג פון די 3500 פל׳ די הכנסה פון דער שחיטה־פּאַכט, וואָס האָט אים אריינגעבראַכט 2600 פל׳ יערלעך. אַזוי, אַז ס׳איז געבליבן אַ דעפיציט פון 900 פל׳ יערלעך; און הגם — ווי די יידן באַהויפּטן — זאָלן זיי האָבן דעם פּריץ ביי זיין אָנקומען שוין באַצאָלט 500 גל׳, דאָך איז צו קיין אָפּרעכענונג נישט געקומען.

אגב ווערן מיר געוווּיער אַן אינטערעסאַנטן פּרט, אַז קעגן דעם פריערדיקן פּריץ האָבן די יידן פאַרפירט אַ פּראָצעס ביי דער רעגירונג (פּרייסישער ?) אין טורין. זיי זאָלן האָבן דאָרט באַוויזן, אַז צו דעם דערמאָנטן שריפטלעכן אָפּמאַך זענען זיי געצוווּנגען געוואָרן און אַז צו דער אייגנטלעכער שולד־סומע האָט מען אומגעזעצלעך צוגעגעבן נאָך אַנדערע, ספּעציעלע סומעס.

דער באַריכט דריקט אויס ווייטער די השערה, אַז דער דאָזיקער פּראָצעס קאָן זיין די סיבה פון דעם, וואָס דער איצטיקער פּריץ האָט צוריקגעצאָלט די פּאַכט־סומע פון דער שחיטה פאַרן לויפיקן יאָר 1796. די לאַסט פון חוב איז געפאַלן אויף די רייכערע קהילה־מיטגלידער, וועלכע האָבן — ווי מיר האָבן שוין אויף אַן אַנדער אָרט דערמאָנט — אויסגעצאָלט דעם פּריץ געוויסע סומעס אויפן חשבון פון חוב. גלייכצייטיק האָט מען געהעכערט די שחיטה־פּאַכט אויף 3200 פל׳. אָבער די רעפאָרם — איז מוסיף דער שרייבער — האָט אויך נישט אריינגעטראָגן

קיין אָרדענונג אין דער פראַגע פון די קהלשע חובות. מיר קענען אים גלייבן.

אונטער פּרייסישער הערשאַפט האָט קוטנע געהערט צו דער ניי-געשאַפענער פּראָווינץ דרום-פּרייסן („זיד-פּרויסן"), וואָס האָט אַרומגענומען די וואָיעוואָדסטוועס: פּויזן, גנעזן, איינאָוורעצלאַוו, דעם גאַנצן קאַלישער געביט, בריסק-קויאַווער, די געגנטן פון שעראַדז, ווילון, לענטשיץ, פּלאָצק און אַ טייל פון ראַווער און מאַזאָוויעצקער וואָיעוואָדסטוועס — אַ שטח פון בערך 1000 קוואַדראַט מייל.

וועגן דעם מצב פון דער קוטנער קהילה אין די ניי-אַנטשטאַנענע פּאָליטישע באַדינגונגען, האָבן מיר נישט קיין דירעקטע ידיעות (דער אויבנדיקער באַריכט שפּיגלט פּאַקטיש אָפּ די פאַרהעלטענישן פון דער פּוילישער, פאַר-פּרייסישער תקופה).

בכלל איז די פּאָליטיק פון דער נייער פּרייסישער מאַכט לגבי דער יידישער באַפעלקערונג אין די געוועזענע פּוילישע טעריטאָריעס געווען דיקטירט פון אויסגעשפּראָכן פיסקאַלישע מאָטיוון, פון איין זייט, און פון אַן אויפגעקלערטן ביוראָקראַטיש-פּאָליציייאישן רעזשים פון דער אַנדערער. „דער גענעראַל יודען-רעגלאַמענט פאַר זיד-אונד-נוי-אָסט-פּרויסען" פון 17טן אַפּריל 1797 האָט אַרויפגעלייגט אויף דער יידישער באַפעלקערונג אַ ריי ווירטשאַפטלעכע באַגרענעצונגען (פאַרבאָט פון האַנדלען אין דאָרף, פאַר סוחרים צו האָבן אַ נעבן-באַשעפטיקונג אאַז"וו), האָט שטאַרק באַגרענעצט די יידישע אויטאָנאָמיע, פאַרשמעלערנדיק די קאָמפּעטענץ פון די קהילות און רבנים צו ריין-רעליגיעזע ענינים און אָפּשאַפנדיק דעם חרם ווי אויך די אָרגאַניזאַציאָנעלע פאַרבינדונגען צווישן די קהילות.

עס איז אויך שווערער געוואָרן די שטייערן-לאַסט. עס איז באַדייטנדיק געהעכערט געוואָרן דער פּוילישער קאָפּ-שטייער (פון דריי גל' אויף צען) און עס זיינען איינגעפירט געוואָרן נייע, ווי רעקרוטן-שטייער, דערנערונג (כשרות) שטייער, אָפּצאָלן פון חתונות, קבורה א"אַנד. פאַר דערלויבענישן אויף חתונה האָבן, איז באַשטימט געוואָרן אַן עלטער-און פאַרמעגן-צענזוס (דער תנאי איז געווען: האָבן געענדיקט 25 יאָר און פאַרמאָגן אַ שטענדיקע הכנסה אָדער אַן אייגענעם קאַפּיטאַל).

דער „יודענרעגלאַמענט" פון 1797 האָט שווער געטראָפן די יידישע באַפעלקערונג, וואָס איר פון דורות איינגעפונדעוועטן ווירטשאַפטלעכן און גייסטיקן לעבנס-נוסח, האָט אַ פּאָליציייאישע מלוכה געפּרוווט צעשטערן מיט פּרייסישער סיסטעמאַטישקייט און הארצלאָזער אומרחמנותדיקייט. אמווייניקסטן האָט די יידישע באַפעלקערונג געפילט דאָס צעברעכן די אָרגאַניזאַציאָנעלע פאַרמען פון איר אינווייניקסטן קהילה-לעבן. צום גליק האָט די דאָזיקע פּרייסישע הערשאַפט אָנגעהאַלטן נישט מער ווי 14 יאָר.

אין 1807, נאָך דער צעשמעטערנדיקער מפּלה פון פּרייסן ביי יענאַ, איז דורך נאַפּאָלעאָנען געשאַפן געוואָרן דאָס וואַרשעווער פירשטנטום.

קאַפּיטל 11

## די קוטנער קהילה במשך דעם 19טן און תחילת 20סטן יאָרהונדערט

אין דער אַדמיניסטראַטיווער פאַרטיילונג פון וואַרשעווער פירשטנטום, האָט קוטנע געהערט צום וואַרשעווער דעפּאַרטאַמענט און האָט זיך גערעכנט פאַר איינע פון די אַנגעזעענע קהילות.

די מלחמות פון דער נאַפּאָלעאָנישער צייט האָבן גורם געווען אַ פאַרקלענערונג פון דער יידישער באַפעלקערונג. אין 1803 האָט די יידישע באַפעלקערונג אין קוטנע געציילט אָפּיציעל נישט מער ווי 1,357 נפשות, ד"ה אַז במשך די 8 יאָר (1800—1808) איז די יידישע באַפעלקערונג נישט נאָר נישט געוואַקסן, נאָר איז געפאַלן אויף מער ווי 3%. ביי דער פּוילישער באַפעלקערונג איז דער צוריקגאַנג במשך דער דאָזיקער צייט געווען אַ פּיל שטאַרקערער: פון 877 אויף 748 נפשות. ד"ה אַ פאַרקלענערונג אויף קנאַפּע 18%. יידן באַטרעפן אין דעם דאָזיקע יאָר קנאַפּע 2/3 פון אַלע איינוווינער (64.5%).

אין דער תקופה פון וואַרשעווער פירשטנטום, האָט זיך אין די פאָדערשטע רייען פון דער רעפּרעזענטאַנץ פון דער יידישער באַפעלקערונג אין אירע אונטערהאַנדלונגען מיט דער רעגירונג, אַרויסגערוקט דער קוטנער ראש הקהל משה בן ירמיה מייזלער.

אין 1809 טרעפן מיר אים ווי אַ שתדלן פון דער יידישער באַפעלקערונג פון וואַרשעווער דעפּאַרטמענט, וואָס באַמיט זיך צוזאַמען מיט פאָרשטייער פון אַנדערע קהילות (לענטשיץ, לוטאָמירסק), וועגן פאַרקלענערן די לאַסט פון כשר-פלייש-שטייער, וואָס איז איינגעפירט געוואָרן פאַר דער יידישער באַפעלקערונג לויטן קעניגלעכן דעקרעט פון 25סטן מערץ 1809 אויף אַ כוללדיקער סומע פון 3,300,000 גל', און וואָס האָט געדאַרפט פאַרטרעטן אַלע ביז-איצטיקע שטייערן. די דאָזיקע סומע האָט פּאַקטיש איבערגעשטיגן די צאָלונג-מעגלעכקייטן פון דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס איז מחמת די אומרוּאיקע מלחמה-צייטן שטאַרק פאַראָרעמט געוואָרן (די דורכשניטלעכע יערלעכע שטייער-סומע פון אַ פאַמיליע האָט באַטראָפן 84 גל' און איז געווען 4 מאָל העכער ווי די דורכשניטלעכע סומע שטייערן פון אַ יידישער משפּחה אין די עסטרייכישע פּראָווינצן אין יענער צייט).

אָבער מייזלערס השתדלות איז געבליבן אָן אַ פּעולה.

אין זיין בריוו צו די פּויזנער ראשי-קהל פון 22טן אָקטאָבער 1809 שרייבט ער, אַז אויף אַלע זיינע השתדלותן, האָט דער פינאַנץ-מיניסטער געגעבן אַזאַ ענטפער, אַז מען דאַרף אויף אים קריעה רייסן.[1]

סוף אָקטאָבער 1809 נעמט מייזלער ווידער אָנטייל אין אַ צוזאַמענפאָר פון פאָרשטייער פון קהילות פון וואַרשעווער דעפּאַרטאַמענט וועגן אונטערנעמען שריט ביי דער רעגירונג וועגן ענדערן די פּראָפּאָרץ פון כשר-פלייש-שטייער צווישן דער וואַרשעווער און די דעפּאַרטאַמענט-קהילות לטובת די לעצטע (די פּראָווינץ-קהילות האָבן געהאַלטן אַז די פּראָפּאָרץ איז נישט קיין יושרדיקע און די וואַרשעווער קהילה צאָלט פאַרהעלטניש-מעסיק ווייניקער).

די קליינע הנחות וואָס דאָס פינאַנץ-מיניסטעריום האָט געמאַכט פאַר די יידישע איינוווינער אין אַ פּאָר דעפּאַרטאַמענטן (לאָמזשער, פּלאָצקער און בידגאָשטשער), האָבן נישט באַפרידיקט די יידישע דעלעגאַטן. זיי קומען נאָך אַ מאָל זיך צונויף אין וואַרשע אין דער העלפט יולי 1810 און טראָגן אַריין מעמאָריאַלן צום קעניג, מלוכה-ראַט און פינאַנץ-מיניסטער.

לסוף וויליקט איין דער מיניסטער צונויפצורופן אַ באַראַטונג פון פאָרשטייער פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אין וואַרשעווער פירשטנטום. סוף מערץ 1811 זענען זיך די דעלעגאַטן צונויפגעפאָרן קיין וואַרשע, צווישן וועלכע עס האָט זיך אויך געפונען מייזלער, ווי אַ פאָרשטייער פון דער קוטנער קהילה. אויף אַן אוידיענץ ביים מיניסטער האָט ער צוזאַמען מיט אליעזר משה אפרים פון אינאָוראַצלאַוו רעפּרעזענטירט דעם גאַנצן צוזאַמענפאָר. אַלע פּראָיעקטן פון דער יידישער רעפּרעזענטאַנץ, וואָס האָבן געצילט אין דער ריכטונג פון רעדוצירן די שטייער-לאַסט פון דער יידישער באַפעלקערונג און באַפרייען זי פון מיליטער-דינסט מיט דעם ארגומענט, אַז ווי באַדריקטע און נישט-גלייכבאַרעכטיקטע בירגערס דאַרפן זיי נישט טראָגן די שווערע לאַסט פון רעקרוטן-דינסט — זענען פון דער רעגירונג אָפּגעוואָרפן געוואָרן.

די יידישע פאָרשטייערס האָבן דעם קאַמף פאַר באַזייטיקן

די עוולות לגבי דער יידישער באַפעלקערונג אין וואַרשעווער פירשטנטום, נישט געקוקט אויף דער נעגאַטיווער איינשטעלונג פון דער רעגירונג, נישט אויפגעגעבן.

אין דער צווייטער העלפט יולי קומען זיך ווידער צונויף אין ליסע די ראשי־הקהל פון ליסע, פויזן, אינאָווראַצלאַוו און קוטנע (משה מייזלער). משה מייזלער האָט צוזאַמען מיט די פאַרשטייערס פון די אויבן־אויסגערעכנטע קהילות געשפילט אַן אַנפירנדיקע ראָל אין דער אַל־מלוכהשער יידישער רעפּרע־זענטאַנץ אין אירע באַמיונגען צו געפינען ביי דער רעגירונג אַנערקענונג פאַר די גערעכטע פאָדערונגען פון דער שטייער־באַדריקטער יידישער באַפעלקערונג.[2]

אין מיטן פון דער דאָזיקער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט זיינער, האָט זיך מייזלער אַריבערגעקליבן קיין ליסע, ווו ער איז אויפגענומען געוואָרן ווי אַ שתדלן פון דער ליסער קהילה, וואָס איז געווען פון די חשובסטע קהילות אין וואַרשעווער פירשטנטום. תחילת 1811 איז דערשינען אַ פאַראָרדענונג פון דער רעגירונג, אַז אַלע ווענדונגען צו איר מוזן פאַרפאַסט זיין אין דער פוילישער שפּראַך. אין דער ליסער קהילה איז דאַמאָלט נישט געווען קיינער וואָס האָט באַהערשט גוט די פוילישע שפּראַך. די רייכע ליסער קהילה האָט זיך דעריבער געוואָנדן צום ביז־איצטיקן קוטנער ראש־הקהל וואָס האָט נישט נאָר באַזיצט די נייטיקע שפּראַך־קענטניש, נאָר האָט זיך געמאַכט אַ שם מיט זיינע אינטערווענצן ביי דער רעגירונג און געהאַט פאַרבינדונגען מיט איינפלוסריכע רעגירונגס־לייט[3] און אים פאַרבעטן צו זיך אויפן אמט פון שתדלן. זיין געהאַלט האָט באַטראָפן 8 טאָלער אַ וואָך און אַ האַלבן פּראָצענט פון יעטוועדן נדן.[4]

און ווירקלעך האָט שוין משה מייזלער אין יאַנואַר 1812 אונטערגעשריבן אין פינאַנץ־מיניסטעריום דעם שלוס־אַקט, וואָס האָט רעגולירט די פראַגע פון שחיטה־שטייער און רעקרוטן־דינסט (פאַרן פרייז פון דער הסכמה מצד די יידישע פאַרשטייערס צו העכערן דעם שטייער אויף 3 מיליאָן גל׳ זענען די יידן באַפרייט געוואָרן פון מיליטער־דינסט), ווי איינער פון די רע־פּרעזענטאַנטן פון גאַנצן פויזנער דעפּאַרטאַמענט (צו וועלכן עס האָט אויך געהערט ליסע).[5]

אין דער דאָזיקער אייגנשאַפט באַגעגענען מיר מייזלערן אויך אין די שטורמישע יאָרן פון וואַרשעווער פירשטנטום אין שייכות מיט נאַפּאָלעאָנס מאַרש אויף רוסלאַנד.[6]

נאָכן פאַלן פון וואַרשעווער פירשטנטום איז דער פויזנער דעפּאַרטאַמענט איינגעגלידערט געוואָרן אין דעם פויזנער גרויס־פירשטנטום (1815). מיר הערן דאַמאָלט דאָס לעצטע מאָל וועגן מייזלערן. דעם 13טן אויגוסט 1815 האָלט מייזלער אַ פּאַטריאָ־טישע באַגריסונג־רעדע לכבוד דעם פּרייסישן קעניג פרידריך ווילהעלם III און זיין שטאַטהאַלטער אין פויזנער פירשטנטום פירשט אַנטאָני ראַדזשיוויל. די רעדע איז דערשינען אין דרוק (אמרי שפר, ברעסלע, 1815). משה בן ירמיה מייזלער איז גע־שטאָרבן אין ליסע י״ד חשון תקפ״ט (1828).[7]

מיט ליסע איז אויך פאַרבונדן דער קוטנער רב ר׳ אליעזר בריש. אַן אָפּשטאַמיקער פון ליסע, איז ער געווען רב אין דער דאָרטיקער אַזוי־גערופענער „יונגען־שולע״. אין 1820 געפינען מיר זיין נאָמען אין דער פּרענומעראַנטן־רשימה פון „היד החזקה״, ווו ער ווערט טיטולירט אב״ד דק״ק קוטנע. ער איז נפטר געוואָרן אין קוטנע ה׳ תשרי תקצ״א (1830).

ער איז ביי זיינע בני־דור געווען זייער אָנגעזען. אין אַ בריוו פון באַרימטן ליסער רב ר׳ יעקב לאָרבערבוים צו די קוטנער פרנסים, אין וועלכן ער פאַרלאַנגט פון זיי צו באַשטימען פאַר אים אַ שכירות פון 5 טאָלער אַ וואָך, דריקט ער זיך אויס וועגן ר׳ אליעזר בריש מיט די ווערטער „המאה״ג, החריף והבקי״.[8]

אין דער צייט פון פּוילישן אויפשטאַנד פון 1830—1831 האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַ קוטנער ייד האָט געדינט אין דער רוסישער געהיים־פּאָליציי און איז געווען אַ סוב־אַגענט ביי איינעם פון די הויפּט־אַגענטן פון דער וואַרשעווער געהיים־פּאָליציי מאַטעאוש שליי. דער דאָזיקער ייד איז געווען שמעון ברין. אָדער ווי מען האָט אים גערופן אין קוטנע — שימעלע. יונגערהייט האָט ער געלערנט אין אַ ישיבה און געקענט אַ ביסל פּויליש, אַ דאַנק דעם איז ער געוואָרן אַ שרייבער אין קוטנער קהל אין יענע יאָרן פאַרן אויפשטאַנד. ער איז געקומען איין מאָל קיין וואַרשע וועגן אַ כלל־ענין, האָט ער זיך דערשלאָגן צו שלייען. דער לעצטער האָט אים פאָרגעלייגט צו ווערן זיין געהיים־אַגענט אין קוטנע. שימעלע האָט דעם פאָרשלאַג אָנגע־נומען און אָפּגעגעבן אַ שבועה אויף די ציצית, אַז ער וועט זיין געטריי דער פּאָליציי און זאָגן דעם אמת. פאַר זיין דינסט האָט ער תחילת באַקומען 3 רויטע גילדן (54 פּוילישע גראָשן) און שפּעטער 5. זיינע באַריכטן האָט ער צוגעשטעלט משמעות אין יידיש און דערציילט אַלץ, וואָס ער האָט געהערט און געזען אין דער שטאָט. קיין וויכטיקעס צו דערציילן האָט ער נישט געהאַט. בעתן אויפשטאַנד, ווען מען האָט זיך אָנגעשטויסן אויפן אַרכיוו פון דער געהיים־פּאָליציי, האָט מען אין אים אויך געפונען זיין נאָמען. אין פרילינג 1831 איז ער אַרעסטירט געוואָרן און נאָך אַן אויספאָרשונג איז זיין נאָמען ווי אַן אַגענט איבערגעגעבן געוואָרן אין דער עפנטלעכקייט. דאָס איז געווען נישט קיין קליינע סענסאַציע פאַר די קוטנער יידן. שפּעטער האָט אים די מאַכט באַפרייט פון תפיסה און איבערגעלאָזט אין קוטנע אונטער פּאָליצייאישער השגחה.[9]

אין דער תקופה פון עקאָנאָמישן אויפשטייג פון קאָנגרעס־פּוילן, האָט זיך די שטאָט שטאַרק אַנטוויקלט. די געוואַנט־אינדוסטריע וואָס גרייכט מיט איר התחלות צום לעצטן צענד־ליג פון 18טן יאָרהונדערט,[10] האָט אין די צוואַנציקער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט דערגרייכט אַ העכערע אַנטוויקלונגס־שטופע. די קוטנער טליתים־פאַבריק איז אויף דער אינדוסטריעלער אויסשטעלונג אין וואַרשע אין 1828 אויסגעצייכנט געוואָרן מיט אַ זילבערנעם מעדאַל.[11]

נאָך דער דערעפענונג פון דער קאַלישער און ווינער באַן־ליניעס אין 1845, איז קוטנע געוואָרן אַ וויכטיקער באַן־קנופּ פאַר דעם גרעסטן טייל פון פּלאָצקער און טיילווייז קאַלישער גובערניעס, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין דירעקטע פאַרבינדונג מיט וואַרשע.

נעבן קוטנע האָט דער באַקאַנטער וואַרשעווער יידישער אינדוסטריעלער און באַנקיר הערמאַן עפּשטיין געגרינדעט אין 1852 די צוקער־פאַבריק „קאָנסטאַנציא״, וואָס האָט געהערט צו די גרויסע צוקער־פאַבריקן אין קאָנגרעס־פּוילן. נאָך זיין טויט האָט די פאַבריק איבערגענומען זיין זון מיעטשיסלאַוו עפּשטיין, וואָס האָט מיט איר אָנגעפירט ביז זיין טויט אין 1914 [12] (זי איז שוין נאָך זיין טויט נישט געווען מער טעטיק).

די צוקער־פאַבריק „קאָנסטאַנציא״ האָט געשאַפן אַ רייע נייע פרנסות פאַר די שטאָטישע יידן (צושטעלונגען, אָפּזאַץ פון צוקער אין אַנדערע שטעט אאַז״וו).

אַ צווייטער באַנקיר פון דער וואַרשעווער טעפּליץ משפחה, שמעון טעפּליץ (1822—1894), דער זון פון וואַרשעווער סוחר לעאָפּאָלד טעפּליץ, האָט נאָכן ליקווידירן זיינע געשעפטן אין וואַרשע, זיך באַזעצט אין קוטנע, ווו ער האָט עוסק געווען אין צושטעלונגען פאַר „קאָנסטאַנציא״. ער האָט אויך געהאַט אַ גרויסן אָנטייל אין די צוקער־פאַבריק פון באַקאַנטן גרויס־פינאַנסיסט לעאָפּאָלד קראָנענבערג.[13]

זיין אייניקל לילי איז שוין געווען אַ נאָנע אין אַ קלויסטער אין פראַנקרייך.[14] אויב עס איז שוין אויסגעקומען צו רעדן וועגן באַקאַנטע משומדים, אָפּשטאַמיקע פון קוטנע, דאַרף מען נאָך

דערמאָנען די פֿאַמיליע פֿראַנקענשטיין. לעאָן פֿראַנקענשטיין איז אין דער צווייטער העלפֿט פֿון 18טן יאָרהונדערט געווען אַ קוטנער סוחר, זיין זון אַלעקסאַנדער לעאָן (געב׳ אין 1801) האָט פֿאַרנומען דעם אַמט פֿון קאָנטראָלער פֿון טאַבאַק־מאָנאָפּאָל אין פֿינאַנץ־מיניסטעריום אין קאָנגרעס־פּוילן. לעאָנס איניקל עד־וואַרד האָט שוין געמאַכט אַ גרויסע קאַריערע: פֿאַרנומען אַ היוכן אַמט אין דער רוסישער אַמבאַסאַדע אין בריסל און געוואָרן פֿאַררעכנט צום רוסישן ירושהדיקן אַדל־שטאַנד. ער איז אויך געווען אַ טאַלענטירטער פֿידלער.[15] אין די 20קער יאָרן האָט עקזיסטירט אין שטאָט אַ שול פֿאַר יידישע קינדער, וווּ מען האָט געלערנט וועלטלעכע לימודים. עס פֿלעגן אין איר פֿאָרקומען עפֿנטלעכע עקזאַמענס מיט דער באַטייליקונג פֿון שטאָט־באַאַמטע (די אַקטן, וואָס זענען נוגע דער דאָזיקער שול, האָבן זיך פֿאַר דער מלחמה געפֿונען אין מאַגיסטראַט־אַרכיוו).

אין די 30קער יאָרן פֿון דעם 19טן יאָרהונדערט פֿלעגן שוין קוטנער בעלי־בתים (מסתמא משכילים) שיקן זייערע קינ־דער קיין וואַרשע זיך לערנען וועלטלעכע לימודים. אין שוליאָר 1830—1831 טרעפֿן מיר אין דער וואַרשעווער ראַבינער־שול, וואָס האָט ביי דעם פֿרומען יידישן עולם געהאַט אַ שם ווי אַ נעסט פֿון אפּיקורסות, די ברידער יצחק און נפֿתלי נעלקין. זיי זענען דעמאָלט געווען תלמידים פֿון 2טן און 3טן קלאַס.[16]

אַ זון פֿון אַ קוטנער סוחר, הערש קאַפּעל, האָט אויך אין די 50קער יאָרן שטודירט אין דער מעדיציניש־כירורגישער אַקאַ־דעמיע אין וואַרשע.[17]

בעת דעם פּוילישן אויפֿשטאַנד קעגן צאַר אין 1863, האָט דער קוטנער דאָקטאָר־מעדיצין יוסף האַנדעלסמאַן געשפּילט אַן אַקטיווע און וויכטיקע ראָל אין דער קוטנער אומגעגנט. עס איז כדאי זיך אָפּצושטעלן אַ ביסל אויספֿירלעכער אויף דער דאָזיקער אינטערעסאַנטער פּערזענלעכקייט. אין 1833 האָט ער געענדיקט אין וואַרשע די מיטלשול און אין 1852 די מעדיצינישע אַקאַדע־מיע אין פּעטערבורג. בעת דער קרימער מלחמה (1853—1855), האָט ער געאַרבעט ווי אַ דאָקטער אין מיליטערישן שפּיטאָל אין וואַרשע (אויאַזדאָוו). אין 1854 האָט ער זיך באַזעצט אין קוטנע.

דער יונגער דאָקטער האָט שנעל פֿאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין געזעלשאַפֿטלעכן לעבן פֿון דער שטאָט, געהאַט אַ ברייטע פּראַקטיק און געוואָרן זייער פּאָפּולער ביים יידישן עולם און ביי די אַרומיקע פּריצים.

ווען עס איז אויסגעבראָכן דער אויפֿשטאַנד, איז ער נאָמי־נירט געוואָרן ווי דער הויפּט פֿון די אויפֿשטענדלער אויפֿן גאַנצן גאָסטינינער קרייז. משמעות אונטער זיין השפּעה איז צושטאַנד געקומען אין דער קוטנער געגנט אַ פּויליש־יידישע פֿאַרברידע־רונג. בעת דער קריסטלעכער חגא פֿון ווייַנאַכטן, האָט מען גע־טרונקען פֿאַר דער פֿאַראייניקונג פֿון אַלע אמונות און שטאַנדן. אַן אויפֿשטענדלער מיטן נאָמען ווישניעווסקי האָט געהאַט אונטער זיין קאָמאַנדע אַ גרופּע בעלי־מלאכות, צווישן זיי עטלעכע יידן. דאָקטער האַנדעלסמאַן איז אַרומגעפֿאָרן און געהיים געהיילט פֿאַרוווּנדעטע אין די קאַמפֿן אין דער געגנט פֿון גאָסטינין, לענט־שיץ און קינצק.

ער האָט אַנטוויקלט אַן ענערגישע טעטיקייט לטובת דעם אויפֿשטאַנד און צוגעצויגן יידן צו מיטאַרבעט מיט די אויפֿ־שטענדלערס, ווי למשל, דעם משרת איציק, וואָס האָט געדינט ביי דעם קוטנער סוחר הערץ. איציק פֿלעגט איינמאָנען ביי די קוטנער יידן שטייערן און נדבות פֿאַר דער קאַסע פֿון די „פּאָווסטאַנצעס": ביי דעם סוחר סענאַטאָר האָט ער איינגעמאָנט 150 רובל, ביי קראַנזילבערן — 120 רובל. אין סעפּטעמבער 1863 איז האַנדעלסמאַן אַרויסגעפֿאָרן קיין אויסלאַנד, בכדי איינ־צושאַפֿן געווער. ער האָט זיך דאָרט געשטעלט אין פֿאַרבינדונג מיט די יידישע אַגענטן גאָלדשטיין און קאַלישער, נאָכן צוריק־קומען קיין פּוילן אין 1865, איז ער אַרעסטירט געוואָרן און דעם 10טן סעפּטעמבער פֿאַרמשפּט געוואָרן אויף פֿאַרשיקונג קיין סיביר.

דער נאַמיעסטניק גראַף בערג האָט אים די שטראָף פֿאַר־ביטן אויף דריי חדשים תפֿיסה אין דער דעמבלינער פֿעסטונג, מיטן באַדינג פֿון אונטערוואַרפֿן זיך פֿאָליציייִשער השגחה נאָכן אָפּקומען די שטראָף.

צי ער איז אָפּגעזעסן אין דער פֿעסטונג דעם באַשטימטן טערמין — איז נישט באַוווּסט. יעדנפֿאַלס האָט האַנדעלסמאַן געהאַט נאָך אַ פּראָצעס, נאָך דעם ווי ער איז דאָס צווייטע מאָל צוריקגעקומען פֿון אויסלאַנד וווּהין ער איז אַפּנים אומלעגאַל אַרויסגעפֿאָרן. ער איז דאָס צווייטע מאָל פֿאַרמשפּט געוואָרן אויף צוויי יאָר טורמע. נאָכן אַרויסגיין פֿון תפֿיסה, קערט ער זיך אום נאָך קוטנע, וווּ ער האָט געוווינט אָן איבעררייס ביז 1909. אין דעם יאָר באַזעצט ער זיך אין וולאָצלאַוועק, וווּ ער איז געשטאָרבן אין טיפֿן עלטער אין מערץ 1911, געשעצט און געאַכטעט דורך דער גאַנצער באַפֿעלקערונג. ער איז געווען אַן אָנערקענטער ספּעציאַליסט אין היילן די קראַנקייט פֿון מוח־אַנטצינדונג.[18]

דער עלטסטער פֿון זיינע צוויי זין איז געווען דער באַקאַנטער פּוילישער היסטאָריקער פּראָפֿ. מאַרצעלי האַנדעלסמאַן, געבוירן פֿון זיין קריסטלעכער פֿרוי און קינדווייז אָפּגעשמדט. אין יאָר 1944 איז פּראָפֿ׳ האַנדעלסמאַן דערמאָרדעט געוואָרן דורך פּוילישע פֿאַשיסטן פֿון דער אונטערערדישער מיליטערישער פֿאָרמאַציע N. S. Z. דער יונגערער זון יוזעף איז אַ צייט געווען לערער אין מיטלשולן.

צוזאַמען מיט האַנדלסמאַנען, אָדער אַ ביסל שפּעטער פֿון אים, האָט אין קוטנע פּראַקטיצירט און זיך דערוואָרבן דאָרט גרויס אָנזען אַ צווייטער אָנערקענטער יידישער דאָקטער פֿעליקס אַרנשטיין (1849—1916). געבוירן אין וואַרשע, האָט ער שטו־דירט אויף דעם מעדיצינישן פֿאַקולטעט פֿון דער „שקאָלאַ גלוונאַ" אין וואַרשע און אין יאָר 1873 געענדיקט מעדיצין אויפֿן וואַרשעווער אוניווערסיטעט. אין דעם יאָר האָט ער זיך באַזעצט אין קוטנע און דאָ פּראַקטיצירט במשך 34 יאָר ביז 1907. אין דעם יאָר טראַגט ער זיך איבער קיין וואַרשע. געשטאָרבן איז ער אין 1916 פֿון פֿלעק־טיפֿוס, מיט וועלכן ער האָט זיך אָנגעשטעקט ביים היילן טיפֿוס־חולים. באַזונדער גרויסע פֿאַרדינסטן האָט ד״ר אַרנשטיין געהאַט פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון טשעכאָטשינעק אַלס היילאָרט. זיינע וויסנ־שאַפֿטלעכע פֿאָרשונגען האָבן באַקומען גרויס אָנערקענונג אין דער פּוילישער מעדיצין.[19]

פֿון רבנים פֿון דער ערשטער העלפֿט פֿון יאָרהונדערט דאַרף דערמאָנט ווערן ר׳ משה אהרן קראַנזילבער, אויפֿגענומען, אַפּנים נאָך דער פּטירה פֿון ר׳ אליעזר בריש, נפֿטר געוואָרן אין קוטנע און ר׳ משה יהודה לייב, געשטאַמט פֿון לענטשיץ, דער מחבר פֿון די ספֿרים „זית־רענן" (וואַרשע תרי״א) און „תפֿארת ירושלים". פֿריער איז ער געווען רב אין קוועל, שעפּס, דאָברין און לאַסק. אין תרי״ז (1857) האָט ער עולה געווען קיין ארץ־ישראל און זיך באַזעצט אין ירושלים און דאָרט נפֿטר געוואָרן אין תרל״ט (1879).[20]

נאָך זיין פֿאַרלאָזן קוטנע איז דאָס קוטנער רבנות, ווייזט אויס, געבליבן וואַקאַנט במשך צוויי יאָר, ווייל ערשט אין טבת תרכ״א (1860) איז אויפֿגענומען געוואָרן אַלס רב דער באַוווּסטער גאון ר׳ ישראל יהושע טראַנק, וואָס איז דאַמאָלט געווען רב אין פּולטוסק.

אַ דאַנק דעם ליבעראַלן קורס לגבי דער יידישער באַפֿעלקע־רונג אין די ערשטע יאָרן פֿון אַלעקסאַנדערס II הערשאַפֿט, איז אויך אין קאָנגרעס־פּוילן רייף געוואָרן דער באָדן פֿאַר אָפּשאַפֿן די אַלטע יורידישע באַגרענעצונגען.

דעם 5טן יוני 1862, איז אָפיציעל פּראָקלאַמירט געוואָרן דאָס געזעץ וועגן גלייכבאַרעכטיקונג פאַר יידן. עס זענען אָפּגע־שאַפט געוואָרן די יידישע „רעווירן" אין אַ גרעסערער צאָל שטעט און עס איז דערלויבט געוואָרן יידן צו קויפן גיטער.

דעם 31סטן מאַי 1862 איז דערשינען אַ געזעץ, אַז יידן מעגן האָבן אַפּטייקן און לעגאַל זיך פאַרנעמען מיט פעלדשעריי. עס זענען אָפּגעשאַפט געוואָרן אַלע מניעות זיך אַנצושליסן אין די האַנטווערקער־צעכן. דעם 1טן יאַנואַר 1863 איז בטל געוואָרן דער „כשר־פליש־שטייער" און צוויי טעג שפּעטער איז אָפּגע־שאַפט געוואָרן דער דערנידעריקנדיקער „טאָג־צעטל" פאַר יידן וואָס פלעגן קומען קיין וואַרשע.

פון אַלע גזירות וואָס זענען אָפּגעשאַפט געוואָרן, האָט די גרעסטע פרייד אַרויסגערופן ביי די יידישע פאָלקס־מאַסן דאָס אָפּשאַפן דעם „כשר־פליש־שטייער", וואָס האָט זיך במשך צענדליקער יאָרן געלייגט ווי אַ שווערע מאַסע אויף דער יידישער באַפעלקערונג. יידן זענען אויך צוגעלאָזט געוואָרן צו די וואַלן אין די זעלבסטפאַרוואַלטונג־אָרגאַנען.

אין שייכות מיט דער דאָזיקער וויכטיקער היסטאָרישער געשעעניש אינעם לעבן פון די פוילישע יידן זענען שבת, פּרשת ויחי תרכ"ג (1963) אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין שול און בית־המדרש פייערלעכע תפילות. דער רב האָט געהאַלטן אַ דרשה און דער שול־חזן שלמה יצחק אָסלאָווינסקי האָט נישט געקאַרגט קיין הנותן תשועהס פאַר דעם צאַר, דעם צאַרישן נאַמיעסטניק אין פוילן, גרויספירשט קאָנסטאַנטין און פאַר דעם הויפּט פון דער ציווילער אַדמיניסטראַציע מאַרקגראַף וויעלאָפּאָלסקי, וואָס איז געווען אַ שטאַרקער אָנהענגער פון יידישער בירגערלעכער עמאַנציפּאַציע פאַרן פּרייז פון אַסימילאַציע און האָט אויסגע־פּועלט ביים צאַר די „אוקאַזן" פון 1862 און 1863.[21]

אין דער העברעישער פּרעסע פון דער צווייטער העלפט פון יאָרהונדערט האָבן זיך אויפגעהיט אַ פּאָר פאַקטן, וואָס זענען נוגע געוויסע פּערזאָנען און געשעענישן, וואָס זענען כאַ־ראַקטעריסטיש פאַר דעם לעבנס־שטייגער אין יענע צייטן.

אַזוי למשל, ווערט אין „המגיד" פון 1861 (נומ' 16) אין אַ קאָרעספּאָנדענץ פון קוטנע דערציילט וועגן פּירן אין דער שול אריין אַ נייע ספר־תורה (שוין די פערטע), וואָס עס האָט מנדב געווען די אלמנה ביילע זילבערבערג. זי האָט געמוזט זיין אַ פאַרמעגלעכע פרוי (די ערשטע דריי ספרי־תורות האָבן אָפּגע־קאָסט 6,000 פוילישע גילדן), לויט דער ברייטער האַנט מיט וועלכער זי האָט פינאַנצירט די דאָזיקע עפנטלעכע פייערונג. צוערשט האָט זי ביי זיך איינגעאָרדנט אַן אויפנאַמע פאַר דער „גאַנצער שטאָט", אויף וועלכער עס זענען געווען, ווי עס גיט איבער דער קאָרעספּאָנדענט, העכער טויזנט מענטשן (מענער, פרויען און קינדער). נאָך דעם האָט מען געפירט די ספר־תורה, וואָס עס האָט געהאַלטן דער דאַמאָלטיקער רב ר' יהושעלע קוטנער אונטער אַ חופה, אין שול אריין. אויפן וועג האָבן געשפּילט די קוטנער כלי זמרים, דער חזן האָט געזונגען און מען האָט געטאַנצט אויף די גאַסן. ווי אַן אויסדרוק פון דאַנק־באַרקייט און כבוד, האָט מען דער אלמנה דערלויבט אַליין אַריינצושטעלן די ספר־תורה אין ארון־קודש. אין אָוונט האָט זי איינגעאָרדנט ביי זיך אַ סעודה פאַר די קוטנער לומדים און געטיילט מיט אַ ברייטער האַנט צדקה.[22]

צו די גרויסע קוטנער גבירים האָט אין יענער צייט אויך געהערט יעקב ערדבערג. ער איז געווען אַ גרויסער וואָלד־סוחר, געהאַנדלט מיט פּריצים און געגעבן באַשעפטיקונג און פּרנסה פיל יידישע משפּחות. אין דער צוואה (ער איז געשטאָרבן אין 1873 אין עלטער פון 69 יאָר), האָט ער איבערגעלאָזט 3,000 רובל פאַר אַ קרן־קימת. אין דער קאָרעספּאָנדענץ, גע־שריבן אין „המגיד" פון זיין איידעם פייוויש וועבער, ווערט דערציילט, אַז אין דער לוויה האָבן זיך באַטייליקט פיל אָנגע־זעענע קריסטן פון דער שטאָט און סביבה.[23] זייער פּאָפּולער אין שטאָט איז געווען זיין פרוי מרים (געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען „די מאַרע").

צו די אָנגעזעענסטע בעלי־בתים אין יענער צייט האָבן געהערט: דער לאַנג־יאָריקער „דאָזור" זלמן פּינקוס (גערעדט דייטשמעריש און געטראָגן שבת אַ צילינדער), לייב קושמיראַק, וואָס האָט געהאַט אַ גיט הינטער קוטנע, און דער קאַצקער חסיד (שפּעטער געפאָרן צום „חדושי־הרי"ם) יהודה מאיר ליפּסקי (ער האָט געהאַט אַ ספּעציעלע דערלויבעניש זיך צו קליידן „דוכאָוונע" ד"ה אין רבנישן טראַכט).

צו דער קליינער גרופּע משכילים האָבן געהערט וואָלף לייב לערער (געלערנט העברעיש און תנ"ך, געווען פון די גע־ציילטע „הצפירה"־לייענערס אין שטאָט), פייוויש וועבער, דער קוטנער קאָרעספּאָנדענט פון „המגיד", י. רויזנצווייג און ישראל וואָלף גליקסמאַן דער פאָטער פון ד"ר אברהם און ד"ר יעזשי גליקסמאַן און דער שטיף־פאָטער פון בונדישן פירער וויקטאָר אַלטער.

די ממשלה אין דער קהילה איז נאַטירלעך געלעגן אין די הענט פון שיינע בעלי־בתים, די גבירים און לומדים. עס פלעגט אָבער טרעפן, אַז „עמך" פלעגט זיך צעבונטעווען און פאַרלאַנגט פאַר זיך אַ דעה אין קהלישע ענינים.

וועגן אַזאַ פאַל וואָס האָט געטראָפן אין 1886, האָבן מיר אַ קאָרעספּאָנדענץ אין „המליץ": שבת פ' נשיא האָט געזאָלט דאַווענען אין שול אַ ניי־געקומענער חזן, אָבער די גבאים („ראשי־העדה") האָבן אים נישט צוגעלאָזט (די סיבות זענען אין דער קאָרעספּאָנדענץ נישט אָנגעגעבן). האָט ער געדאַוונט אין ביהמ"ד און איז געפעלן געוואָרן. דעם צווייטן שבת האָט דער עולם געפאָדערט ער זאָל דאַווענען אין שול. דער רב האָט געמאַכט אַ פּשרה ער זאָל דאַווענען קבלת שבת און מוסף. דער המון איז געבליבן אומצופרידן און ווען מען האָט אים נישט נאָכגעגעבן, איז אין שול אויסגעבראָכן אַ מחלוקה און אַ גע־שלעג צווישן די מתפללים. דעם אַלטן חזן האָט מען אוועקגע־שלעפּט פון עמוד און מען האָט אים שטאַרק צעשלאָגן. זיין צו־שטאַנד — איז מוסיף דער קאָרעספּאָנדענט — איז אַ שווערער, ווי אַזוי דער דאָזיקער סקאַנדאַל, וואָס ווייזט אַז אויפגעבראַכטע ליידנשאַפטן פון המון צוליב אַ חזן האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט אפילו פאַר אַזאַ אויטאָריטעט ווי דער דאַמאָלסדיקער קוטנער רב, האָט זיך פאַרענדיקט — איז נישט באַוווסט.[24]

וועגן די קעגנזייטיקע באַציונגען צווישן דער יידישער און קריסטלעכער באַפעלקערונג, דערציילט אונדז אַ פאַל, וואָס האָט געטראָפן אין 1875, אַז אין געוויסע פּעריאָדן זיינען זיי געווען זייער פריינדלעכע.

דעם 19טן מערץ 1875 איז אין דער יידישער געגנט אויס־געבראָכן אַ גרויסע שריפה וואָס האָט בדלות געשטעלט 600 יידישע משפּחות. אין אַ קאָרעספּאָנדענץ וועגן דער דאָזיקער טראַגישער געשעעניש, ווערן געבראַכט פאַקטן פון וואָרעמער הילף מצד דער קריסטלעכער באַפעלקערונג סיי ביים לעשן די שריפה, סיי שפּעטער. אַן אַרטיקע פוילישע אַמאַטאָרן־גרופּע האָט געגעבן אַ פאָרשטעלונג לטובת די נשרפים, וואָס האָט גע־געבן 200 רובל הכנסה. לאַנדווירטן פון דער סביבה האָבן פאַר די נויטליידנדיקע געשיקט מעל און קאַרטאָפל.[25]

פריינדלעך זענען, ווייזט אויס, אויך געווען די באַציונגען צווישן קהל און די לעצטע קוטנער פּריצים — די זאַוואַדזקיס. ווען אין יאָר 1891 איז געשטאָרבן דער פּריץ נאַטאַריוס זאַוואַדז־קי, האָט קהל געלייגט אַ קראַנץ אויף זיין ארון אין נאָמען פון דער יידישער קהילה.[26]

קיין קראַנץ האָט מען זיכער נישט געלייגט אויפן קבר פון אַ יינגער מאַרטירערין פון בילדונג, וואָס האָט אין דעם זעלבן יאָר 1891 געמאַכט אַ סוף צו איר יונג לעבן.

דאָס איז געווען אַ יונגע פרוי פון סוואַלק, וואָס האָט געענדיקט די ווילנער גימנאַזיע און געקומען קיין קוטנע מיט דער אידעע צו עפענען דאָ אַ שול פאַר מיידלעך. מחמת דוחק אין געלט־מיטלען (זי האָט אפנים נישט געפונען קיין אונטער־שטיצונג ביי יידישע עלטערן), האָט זי איר לעבנס־אויפגאַבע — ווי זי האָט געשריבן אין איר געזעגענונגס־בריוו — נישט געקענט רעאַליזירן און געפינענדיק זיך חוץ דעם אין שווערער מאַטעריע־לער נויט, האָט זי אויסגעטרונקען סם.[27] ווער עס איז געווען די דאָזיקע, זיכער איינע פון די ערשטע דערפאָלגלאָזע פּיאָנערינס אויפן געביט פון יידישן שולוועזן אין דער שטאָט, איז אין דער שייכותדיקער קאָרעספּאָנדענץ נישט אָנגעגעבן.

## קאַפּיטל 111

## די דעמאָגראַפישע און פּראָפעסיאָנעלע סטרוקטור פון דער יידישער באַפעלקערונג פון סוף 19טן ביזן ערשטן פערטל פון 20סטן יאָרהונדערט

לויט דער פאָלקס־ציילונג אין צאַרישן רוסלאַנד אין יאָר 1897, האָט די יידישע באַפעלקערונג אין קוטנע געציילט אין דעם יאָר 5,345 נפשות אויף אַן אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון 11,250 נפשות (47.5%). פון זיי זענען 2,611 געווען זכרים און 2,763 — נקבות, ד״ה אַז אויף 100 מענער זענען אויסגעפאַלן 105 פרויען.

פון דער אָנגערופענער צאָל זענען 1,496 געווען משפחה־קעפּ און 3,849 אויף אויסהאַלטונג פון די ערשטע. אין דורכ־שניט פאַלט אויס אויף איין משפחה 2,6 קינדער.

ביי דער גרופּע האַנדל פאַלט אויס אויף איין משפחה מער פאַמיליע־מיטגלידער ווי אין דורכשניט, נעמלעך 3.5, ביי בעלי־מלאכות זענען קינדער פריער געוואָרן עקאָנאָמיש זעלב־שטענדיק ווי ביי סוחרים און קרעמערס. ביי די לעצטע האָבן אויך אפנים די בעסערע מאַטעריעלע באַדינגונגען זיי דערלויבט אויסצוהאַלטן אַ גרעסערע משפחה.

די פּראָפעסיאָנעלע גלידערונג איז לויט דער ציילונג פון 1897 געווען אַזאַ:

**טאַבעלע נומ׳ 15**

**פּראָפעסיאָנעלע גלידערונג אין 1897**

| פּראָפעסיאָנעלע גרופּע | עקאָנאָמיש זעלבשט. | פאַמיליע־ מיטגליד. | צוזאמען | % |
|---|---|---|---|---|
| 1. מלאכה און אינדוסטריע | 436 | 1,210 | 1,646 | 30.9 |
| 2. האַנדל | 458 | 1,589 | 2,047 | 38.3 |
| 3. פון אייגענע קאַפּיטאַלן | 134 | 332 | 466 | 8.7 |
| 4. הויזדינערשאַפט, משרתים | 220 | 239 | 459 | 8.6 |
| 5. טראַנספּאָרט | 65 | 226 | 291 | 5.4 |
| 6. באַאַמטע (קהלשע א״אנד) | 19 | 60 | 29 | 1.5 |
| 7. מלמדים, לערער | 25 | 88 | 113 | 2.1 |
| 8. פרייע פּראָפעסיעס | 15 | 50 | 65 | 1.2 |
| 9. געשטיצט פון דער מלוכה־קאַסע און צדקה | 9 | 5 | 14 | 0.2 |
| 10. אַנדערע | 115 | 50 | 165 | 3.1 |
| סך־הכל | 1,496 | 3,849 | 5,345 | 100% |

ווי מיר איבערציייגן זיך פון דער טאַבעלע, האָט אַ קנאַפּ דריטל פון דער יידישער באַפעלקערונג געלעבט פון מלאכה און אינדוסטריע און קנאַפּע 40% פון האַנדל. די גרופּע וואָס ווערט באַצייכנט אין דער רשימה ווי די וואָס לעבן פון אייגענע קאַפּיטאַלן, איז משמעות באַשטאַנען פון הויזווירטן, מלווים־בריבית און אַזעלכע וואָס אינוועסטירן זייערע קאַפּיטאַלן אין מסחר, דירעקט אָדער אומדירעקט, בכן האָט אַ היפּשער טייל פון זיי געלעבט פון מסחר און קרעדיט. דעריבער האָבן פון מסחר און קרעדיט געלעבט צוזאַמען בערך 45% פון דער יידישער באַפעלקערונג.

פון טראַנספּאָרט האָבן געצויגן חיונה 5.4% און פון די א״ג פרייע פּראָפעסיעס — 1.2%.

די רוסישע פאָלקס־ציילונג פון 1897 האָט נישט קיין פאַר־טיילונג פון דער עקאָנאָמיש־אַקטיווער באַפעלקערונג אויף לוין־געבער און לוין־נעמער, ביידע קאַטעגאָריעס ווערן פאַררעכנט צו איין און דער זעלביקער פאַך־גרופּע. די איינציקע פאַך־גרופּע, ביי וועלכע עס איז קלאָר אַז זיי זענען געווען לוין־נעמערס, זענען הויז־דינערשאַפט און משרתים, באַאַמטע, מלמדים און לערער — צוזאַמען באַטרעפן זיי 12.2%.

עס איז קלאָר, אַז די דאָזיקע ציפער שעפּט ווייט נישט אויס דעם ארבעטער — און אָנגעשטעלטן־עלעמענט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג, ווי למשל די געזעלן, פאַבריק־אַרבעטער. מיר האָבן אָבער נישט קיין שום מיטל פעסטצושטעלן זייער צאָלמעסיקן אָנטייל אין דעם עקאָנאָמיש־אַקטיוון טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג.

עס איז אויפפאַלנדיק וואָס אין דער רשימה פעלט לחלוטין לאַנדווירטשאַפט ווי אַ מקור פון חיונה. עס האָבן זיכער נישט געפעלט דאַמאָלט קיין אייגנטימער, אָדער פאַכטערס פון סעדער און פעלדער, נאָר משמעות מחמת דעם וואָס די דאָזיקע באַשעפ־טיקונג איז געווען פאַר די שייכדיקע פערזאָנען נאָר אַ נעבן־באַשעפטיקונג אין די זומער־סעזאָנען, איז דער דאָזיקער פרנסה־צווייג נישט אריין אין אונדזער רשימה, וואָס גיט נאָר אָן די הויפּט־פּראָפעסיע.

מיר וועלן איצטער אנאליזירן מער פּרטימדיק די באַזונ־דערע פּראָפעסיאָנעלע גרופּעס אין אונדזער רשימה.

**טאַבעלע נומ׳ 16**

| מלאכה און אינדוסטריע | זעלבשט. | פאַמיליט־ מיטגליד. | צוזאמען | % |
|---|---|---|---|---|
| באַקלייד־בראַנזשע | 826 | 766 | 1052 | 64.3 |
| אויסאַרבעטונגען פון אלקאָהאָל א״אנד משקאות | 49 | 132 | 181 | 11.2 |
| אויסאַרבעטונגען פון טעקסטיל | 23 | 68 | 91 | 5.7 |
| אויסאַרבעטונגען פון האָלץ | 11 | 57 | 68 | 4.3 |
| אויסאַרבעטונגען פון פלאַנץ א״א שפּייז־פּראָדוקטן | 13 | 33 | 46 | 2.8 |
| אויסאַרבעטונגען פון פעלן, לעדער א״א | 5 | 27 | 32 | 2.1 |
| בוי | 14 | 56 | 70 | 4.4 |
| פּאָליגראַפיע | 6 | 27 | 33 | 2.1 |
| אין גרובנס | 13 | 20 | 33 | 2.1 |
| אויסאַרבעטונג פון קעראַמיק | 3 | 9 | 12 | 0.7 |
| אַנדערע | 2 | 4 | 6 | 0.3 |
| סך־הכל | 425 | 1,199 | 1,624 | 100% |

ווי עס ווייזט טאַבעלע נומ׳ 16, האָבן כמעט צוויי דריטל פון אַלע באַשעפטיקטע אין מלאכה און אינדוסטריע געצויגן זייער חיונה פון נייען מלבושים, וועש א״א באַקלייד־אַרטיקלען. שניידעריי איז ענלעך ווי אין פיל אַנדערע שטעט און שטעטלעך פון תחום־המושב, געווען אַ טיפּישע יידישע מלאכה. אויפן

צווייטן אָרט גייען באַשעפטיקטע אין דער אויסאַרבעטונג פון אלקאָהאָל א״א משקאות. פון דער דאָזיקער גרופּע זענען העכער 90% געווען באַשעפטיקט נישט אין דער אייגנטלעכער אַלקאָהאָל־אינדוסטריע (אין די ברויערייען וואָס האָבן געהע״רט צו יידן זענען געווען באַשעפטיקט בעיקר קריסטלעכע אַרבעטער). אויפן דריטן אָרט פון אונדזער טאַבעלע שטייען באַשעפטיקטע אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע, אויפן פערטן — אין דער בוי־בראַנזשע, אויפן פינפטן — אין דער האָלץ־אינדוסטריע און אויפן זעקסטן אין דער דערנער־בראַנזשע.[4]

עס איז כדאי אונטערצושטרייכן, אַז מיר געפינען נישט קיין יידן באַשעפטיקטע נישט אין דער מעטאַל און נישט אין דער כעמישער אינדוסטריע.

דער אָנטייל פון פרויען אין מלאכה ווי עקאָנאָמיש־זעלבשטענדיקע איז געווען אַ מינימאַלער, נאָר אין באַקלייד־פאַך זענען געווען באַשעפטיקט אַ ביסל פרויען (12 אויף 286 בכלל!). דאַקעגן איז מערקווירדיק דער לפי־ערך אָנזעעוודיקער אָנטייל פון פרויען אין דער גרובן־אינדוסטריע (5 אויף 13 בכלל).

ממש אומגלייבלעך קליין איז דער אָנטייל פון יידן אין דער וואַלד־אינדוסטריע. בסך־הכל נאָר 1 פערזאָן, בעת דער דאָזיקער צווייג האָט אין פיל יידישע יישובים געהערט דאַמאָלט צו די פאַרשפּרייטסטע אונטערנעמונגען פון יידישע פינאַנסיסטן.

מיר וועלן איצט איבערגיין צו דער צווייטער אממייסטן פאַרשפּרייטער באַשעפטיקונג צווישן דער יידישער באַפעלקערונג, נעמלעך צום האַנדל.

די פאַרטיילונג אויף האַנדלס־גרופּעס איז געווען אַזאַ:

טאַבעלע נומ׳ 17

| גרופּע | | זעלבשט. האנדל | פאמ.־מיטגליד. | צוזאַמען | % |
|---|---|---|---|---|---|
| הענדלערס סתם | | 119 | 370 | 489 | 24.7 |
| ״ | מיט שפּייז־פּראָדוקטן | 100 | 278 | 378 | 19.0 |
| ״ | ״ תבואות | 52 | 235 | 287 | 14.5 |
| ״ | ״ טעקסטיל | 67 | 247 | 314 | 15.8 |
| ״ | ״ לעדער און פוטער | 19 | 82 | 101 | 5.2 |
| ״ | ״ מעטאַל און מאַשינען | 15 | 59 | 74 | 3.8 |
| ״ | ״ שטוב־חפצים | 15 | 42 | 57 | 2.8 |
| ״ | ״ האָלץ, הייץ־מאַטער׳ | 12 | 44 | 56 | 2.7 |
| ״ | ״ משקאות | 11 | 43 | 54 | 2.6 |
| ״ | ״ בהימות | 7 | 29 | 36 | 1.6 |
| ״ | ״ אנד׳ אַרטיקלען | 9 | 33 | 42 | 2.2 |
| מעקלערס | | 17 | 83 | 100 | 5.1 |
| ס״ה | | 443 | 1,545 | 1,988 | 100% |

ווי מיר זעען פון דער טאַבעלע, האָט אַ קנאַפּ פערטל פון אַלע עקאָנאָמישע־זעלבשטענדיקע אין דער דאָזיקער גרופּע (24.7%) נישט געקאָנט אָנווייזן גענוי מיט וואָס זיי האָבן אייגנטלעך געהאַנדלט און זיי פיגורירן אין אונדזער רשימה ווי סתם הענדלערס. זיי האָבן משמעות געהערט צו דעם טיפּ „לופט־מענטשן", וואָס איז בשעתו געווען אַזוי פּאָפּולער אין די שטעט און שטעטלעך פון תחום המושב און געלעבט פון צופעליקע פאַר־דינסטלעך ביי מסחר א״אנד אומבאַשטימטע עסקים. זיי באַטרעפן צוזאַמען מיט זייערע משפחות העכער 9% פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג. צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע דאַרף מען אויך צורעכענען אַ היפּשע צאָל מעקלערס (לכל־הפחות אַ העלפט), ווי אויך די וואָס פיגורירן אין אונדזער רשימה אונטער „אומבאַשטימטע און נישט־אָנגעגעבענע באַשעפטיקונגען". אין סך־הכל ציילט די דאָזיקע גרופּע, וואָס איר ווירטשאַפטלעכע באַזע איז געווען זייער אַן אומזיכערע און וואַקלדיקע און האָט געלעבט אַזוי צו זאָגן „פון האַנט צום מויל", העכער 600 נפשות (מיט די פאַמיליעס) ד״ה 11.5% פון דער יידישער באַפעלקערונג — אַ גענוג בולטער באַווייז פאַר דעם דערונטערדיקן עקאָנאָמישן מצב פון גרויסע טיילן אירע (מיר רעכענען דאָ נישט אַריין אָרעמע בעלי־מלאכות, נידעריקע כלי־קודש און בכלל אָרעמ־שאַפט פון אַלע מינים, וואָס מיט די דאָזיקע גרופּעס וואָלט דער פּראָצענט פון ווירטשאַפטלעך־דערונטערדיקע לכל־הפחות זיך פאַרטאָפּלט).

העכער אַ פינפטל פון אַלע באַשעפטיקטע אין האַנדל (22.5%) זענען געווען קרעמערס פון שפּייז־פּראָדוקטן, אויף די ווייטערדיקע ערטער שטייען די טעקסטיל־סוחרים („שניט־קראָמען"), די תבואה־סוחרים און די לעדער־סוחרים.

להיפּוך צו דער גרופּע מלאכה און אינדוסטריע, ווו מיר טרעפן זעלטן פרויען ווי עקאָנאָמיש־זעלבשטענדיקע, פאַרנעמען פרויען אין געוויסע האַנדלס־קאַטעגאָריעס אַן אָנזעעוודיק אָרט. אַזוי, למשל, באַטרעפן פרויען העכער אַ פינפטל פון אַלע שפּייז־הענדלערס (21 פרויען אויף 100 בכלל), מער ווי אַ זיבעטל פון אַלע שניט־סוחרים (10 פרויען אויף 67), מער ווי אַ פערטל פון אַלע הענדלערס מיט משקאות (3 אויף 11). זיי באַטרעפן אויך אַ דריטל פון אַלע שטוב־הענדלערס וואָס פלעגן אַרומטראָגן צום פאַרקויפן איבער די הייזער (5 אויף 15).

וואָס שייך ווייבלעכע און מענלעכע דינערשאַפט (דינסט־מיידלעך און משרתים) באַטרעפט זייער צאָל 220 (155 דינסט־מיידלעך און 55 משרתים), ד״ה אַז דורכשניטלעך האָט נאָר יעדע 7טע משפחה געקאָנט זיך דערלויבן צו האַלטן אַ דינסט־מיידל אין דער היים אָדער אַ משרת אין געשעפט.

די גרופּע וואָס ווערט אין אונדזער רשימה באַצייכנט ווי אַזעלכע, וואָס האָבן געלעבט פון אייגענע קאַפּיטאַלן, האָט געציילט 134 פאַמיליעס (466 נפשות), וואָס באַטרעפן קנאַפּע 9% פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג. ווי מיר האָבן שוין באַמערקט, האָט די דאָזיקע גרופּע מסתמא אַרומגעכאַפּט על פּי רוב בעלי־בתים פון גרעסערע הייזער און וואָכערניקעס וואָס פלעגן אויסלייען געלט אויף משכנות.

די גרופּע באַאַמטע נעמט אַרום סיי אָנגעשטעלטע ביי קהל, סיי אין דער מוניציפּאַלער און מלוכהשער אדמיניסטראַציע. די ערשטע האָט געציילט 14 משפחות (אַ רב, 2 דיינים, אַ חזן, שוחטים, שמשים, נאמנים א״א). איין ייד איז געווען אָנגעשטעלט אין שטאָטישן מאַגיסטראַט (מסתמא געפי״רט די יידישע מעטריקע־ביכער), אַ צווייטער אויף דער פּאָטשט און טעלעגראַף און איין מיידל איז געווען א מלוכה־באַאַמטין.

מאָדנע איז דער פאַקט וואָס איין ייד פיגורירט אין דער רשימה ווי אַ באַאַמטער אָנגעשטעלט פון דער פּראָוואָסלאַווונער קירך און אַ ייִנגער בחור ווי אַן אָנגעשטעלטער פון אַן אנדערער קריסטלעכער רעליגיע! וואָס דאָס זאָל באַטייטן — איז שווער צו טרעפן.

אַ לפי־ערך קאָנטיקער פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג (65 משפחות — 5.4%) האָט זיך מפרנס געווען פון טראַנספּאָרט. דאָס לאָזט זיך דע״קלערן מיטן פאַקט וואָס קוטנע איז געווען אַ וויכטיקער באַנקנופּ פאַר אַ ברייטער סביבה, וואָס האָט נישט געהאַט קיין דירעקטע באַן־פאַרבינדונג (פּלאָצק און אומגעגנט, קויל, קאָנין מיט דער אומגעגנט אין דער קאַלישער גובערניע). קוטנער בעלי־עגלות האָבן זיך אפנים שטאַרק באַטייליקט אין טראַנספּאָרטירן סחורות „פּער אקס" פון די דאָזיקע מקומות צו דער קוטנער באַנסטאַציע.

25 משפּחות האָבן געצויגן חיונה פון מלומדות און לערעריי און 4 משפּחות פון וויסנשאַפטלעכער און ליטעראַריש־קינסטלערישער טעטיקייט. ווער זענען דאָס געווען די וויסנשאַפטלער און

קינסטלערביים סוף 19טן יאָרהונדערט, האָט דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות נישט געקאָנט דערגיין.

צווישן די א״ג „פריִיע פּראָפעסיעס" רעכנט אונדזער רשימה אויס צוויי אדוואָקאַטן און 7 דאָקטוירים און פעלדשערס (צווישן זיי צוויי פרויען). צוזאַמען מיט די אויבן־דערמאָנטע וויסנשאַפט־לער און קינסטלער — 13 משפּחות — וואָס האָבן באַטראָפן נישט מער ווי 1% פון אַלע עקאָנאָמיש־אַקטיווע.

לויט דער דאַמאָלטיקער שטאַנדן־איינטיילונג זענען 81 פּער־זאָן (38 מענער און 43 פרויען) געווען פאַררעכנט צום סוחרים־שטאַנד („קופּצי"), 5,226 נפשות צום בירגערלעכן שטאַנד („מיעשטשאַני") און 9 פּערזאָן צום פּויערים־שטאַנד („קרעס־טיאַניע").

פאַר דעם קולטור־מצב פון דער קוטנער יידישער באַפעל־קערונג איז באַלערעוודיק די ציפער פון 1209 פּערזאָן, וואָס ווערן באַצייכנט ווי אַזעלכע וואָס קאָנען לייענען און שרייבן רוסיש (760 מענער און 449 פרויען), וואָס האָט אויסגעמאַכט העכער אַ דריטל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין עלטער פון 14 יאָר און העכער (34.3%.) עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער פעסטער נאַציאָנאַלער אינטעגראַלקייט פון דער יידישער באַפעלקערונג, אַז נאָר ד ר י י פּערזאָן האָבן אָנגעגעבן ווי זייער מוטער־שפּראַך אַן אנדערע שפּראַך ווי יידיש אָדער העברעיש.

אונדזער רשימה האָט אויך פאַרצייכנט איין ייד ווי אַ תּפיסהניק (קיין פאַמיליע ווערט ביי אים נישט אָנגעגעבן) ווי אויך צוויי פּראָסטיטוטקעס, וואָס האָבן געהאַט אויף זייער אויס־האַלטונג צוויי קינדער.

עס איז כדאַי צו פאַרגלייכן די ענדערונגען וואָס זענען פאָרגעקומען אין דער פּראָפעסיאָנעלער סטרוקטור פון דער יידישער באַפעלקערונג אין קוטנע במשך די 100 יאָר: 1796—1897. די דאָזיקע ענדערונגען אילוסטרירט די ווייטערדיקע טאַבעלע:

טאַבעלע נומ׳ 18

די פּראָפעסיאָנעלע סטרוקטור פון דער יידישער באַפעלקערונג אין 1896 און 1897

| | 1896 | 1897 |
|---|---|---|
| האַנדל | 24.9 | 38.3 |
| מלאכה און אינדוסטריע | 41.6 | 30.9 |
| באַאַמטע (קהלשע א״א) | 9.7 * | 1.5 |
| טראַנספּאָרט און קאָמוניקאַציע | 1.1 | 5.4 |
| פריִיע פּראָפעסיעס | 2.1 | 0.2 |
| הויזדינערשאַפט און משרתים | 8.4 | 8.6 |
| אָן באַשעפטיקונג | 5.2 | 0.2 |
| אַנדערע | 5.0 | 15.1 |
| סך־הכל | 100.0 | 100.0 |

די ענדערונגען וואָס זענען פאָרגעקומען אין דער פּראָ־פעסיאָנעלער סטרוקטור פון דער יידישער באַפעלקערונג במשך דעם יאָרהונדערט, וואַרפן זיך ממש אין די אויגן: עס האָט זיך באַדייטנדיק פאַרגרעסערט איר אָנטייל אין האַנדל — פון איין פערטל פון דער עקאָנאָמיש־אַקטיווער באַפעלקערונג סוף 18טן י״ה אויף קנאַפּע 40% הונדערט יאָר שפּעטער; דאַקעגן איז געפאַלן איר אָנטייל אין מלאכה און אינדוסטריע — פון העכער 40% אויף אַ קנאַפּ דריטל.

מיר דאַרפן אָבער נעמען אין אַכט, אַז אַ געוויסער פּראָ־צענט בעל־מלאכות האָט זיך אין 1796, ווי מיר האָבן אויבן אָנגעוויזן, גלייכצייטיק פאַרנומען מיט קרעמעריי, בפרט מיט שענקעריי, ווי אַ נעבן־באַשעפטיקונג, אַזוי אַז פאַקטיש איז דער פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס האָט געצויגן חיונה פון האַנדל (אָדער אויך פון האַנדל) געווען אַ גרעסערער. אָבער אפילו מיט דער דאָזיקער באַוואָרעניש, בלייבט אַן אומ־שטרייטבאַרער פאַקט, אַז פאַרהעלטנישמעסיק האָבן מער יידן געצויגן חיונה פון מלאכה אין 1796, ווי מיט הונדערט יאָר שפּעטער.

ווייטער זעען מיר, אַז עס איז שטאַרק געפאַלן דער פּראָ־צענט פון דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס האָט געלעבט פון דער קהלישער קאַסע: 1897 באַטרעפן אַלע מינים באַאַמטע נישט מער ווי 1.5%, בעת אין 1796 האָבן די קהלשע אָנגעשטעלטע אויסגעמאַכט קנאַפּע 10% פון דער עקאָנאָמיש־אַקטיווער באַ־פעלקערונג. דאַקעגן איז במשך דעם 19טן יאָרהונדערט באַדייטנ־דיק געוואַקסן דער אָנטייל פון יידן אין טראַנספּאָרט און קאָמוני־קאַציע — כמעט 5 מאָל אַזוי פיל ווי אין 1796 — לפי־ערך סטאַביל איז געבליבן דער פּראָצענט הויזדינערשאַפט (ווייבלעכע) און משרתים (8.4% און 8.6%).

ווייטער: אין 1796 האָט העכער 5% פון דער יידישער באַפעלקערונג נישט געהאַט קיין שום באַשעפטיקונג און געלעבט פון עפנטלעכער צדקה — אין 1897 באַטרעפט די דאָזיקע גרופּע אַפילו נישט קיין האַלבן פּראָצענט (0.2%) — אַ באַווייז ווי במשך דעם יאָרהונדערט האָט זיך ממשותדיק פאַרקלענערט די פּאַור־פּעריזאַציע, אין וועלכער די יידישע באַפעלקערונג האָט טיף געזונקען ביים סוף פון 18טן יאָרהונדערט.

די יאָרן ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען געווען יאָרן פון שטאַרקער פאַרמערונג פון דער יידישער שטאָטישער באַפעלקערונג. במשך 13 יאָר (1897—1910) איז זי געוואַקסן פון 5345 אין 1897 ביז 9245 אין 1910 — אבסאָלוט מיט 3900 און רעלאַטיוו אויף 73%. זי האָט אין דעם יאָר באַטראָפן 63% פון אַלע איינוווינערס.

דעם דאָזיקן צוּוואוקס קען מען נישט פאַרשרייבן בלויז אויפן חשבון פון נאַטירלעכן צוּוואוקס, וואָס האָט אין אָנגערופענעם צייט־אָפּשניט — ביי דער „ענדע פון 19טן און 20סטן יאָרהונ־דערט — באַטראָפן אין דורכשניט 16 פּראָמיל, ד״ה, אַז במשך פון די אָנגערופענע 13 יאָר, האָט דער נאַטירלעכער צוּוואוקס ביי די קוטנער יידן באַטראָפן בערך 1,100 נפשות. ווען מיר געבן צו די דאָזיקע ציפער צו דער צאָל יידן אין 1897, באַקומען מיר די צאָל 6,445 נפשות; פאַקטיש האָט די יידישע באַפעלקערונג אין קוטנע געציילט, ווי אויבן דערמאָנט, 9,245 נפשות, ד״ה אַז בערך 2,800 נפשות האָבן במשך פון די 13 יאָר איינגעוואַנדערט אין שטאָט פון דער פרעמד.

אַזאַ צאָלרייכע אימיגראַציע פון פרעמדע יידן במשך פון אַ לפי־ערך קורצן צייט־אָפּשניט איז אַן אומדירעקטער באַווייז, אַז קוטנע איז דאַמאָלט געווען אַן אָרט פון פּרנסה, וואָס האָט געצויגן יידן פון דער פרעמד. אין די דאָזיקע יאָרן האָט זיך שטאַרק אַנטוויקלט דער תּבואה־האַנדל, עס זענען אויפגעבויט געוואָרן גרויסע מעכאַנישע מילן און אַנדערע אונטערנעמונגען פון לאַנדווירטשאַפטלעכער אינדוסטריע, אין וועלכע דער יידי־שער אָנטייל איז געוואָרן גאָר אַן אָנזעעוודיקער. מען האָט צוגעוואַנדערט קיין קוטנע סיי פון די נאָענטע פּראָווינץ־שטעט־לעך, סיי פון ווייטערע מקומות. מיר טרעפן אין קוטנע תּחילת 20סטן יאָרהונדערט אַ גאַנץ היפּשע קאָלאָניע פון „ליטוואַקעס", ווי סוחרים און אינדוסטריעלער.

די ווייטערדיקע טאַבעלע אילוסטרירט דעם וווּקס פון דער יידישער באַפעלקערונג פון סוף 18טן ביז תּחילת 20סטן יאָר־הונדערט.

* דאָ ווערן אַריינגערעכנט אַלע מינים קהלישע באַאַמטע, צוזאַמען מיט מלמדים, אָנגעשטעלטע ביי קהל.

טאַבעלע נומ׳ 19

| יאָר | צאָל יידן | צאָל נישט־יידן | % פון ייד׳ דער באַפעלק׳ | צוווּקס, אָדער פאַרמינערונג יידן % | צוווּקס, אָדער פאַרמינערונג נישט־יידן % |
|---|---|---|---|---|---|
| 1776 | 1,000 * | — | — | — | |
| 1796 | 1,800 | — | — | + 80,0 | |
| 1800 | 1,401 | 877 | 61.4 | — 22 | |
| 1808 | 1,357 | 748 | 64.5 | — 3.1 | — 14.9 |
| 1827 | 2,859 | 1,761 | 61.8 | +110.6 | +135.4 |
| 1840 | 2,635 | 1,425 | 64.9 | — 7.9 | — 19 |
| 1857 | 3,859 | 2,009 | 65.8 | + 34.9 | + 14.1 |
| 1897 | 5,345 | 5,187 | 50.7 | + 30.7 | +158.2 |
| 1910 | 9,245 | — | 63.0 | + 73.0 | — |
| 1921 | 6,784 | 13.92 | 42.5 | — 26.6 | — |

די אויבנדיקע טאַבעלע, וואָס אילוסטרירט די דינאַמיק פון דעם וואַקסן פון דער יידישער באַפעלקערונג, איז זייער באַלערנדיק.

**אין דער צווייטער העלפט פון 18טן יאָרהונדערט** וואַקסט די יידישע באַפעלקערונג זייער שנעל. פון 1776 ביז 1796 (במשך פון 20 יאָר) איז איר צאָל געשטיגן אויף בערך 80%. אין דעם צייט־אָפּשניט פון 1796 ביז 1808 האָט זיך די יידישע באַפעלקערונג באַדייטנדיק פאַרמינערט און האָט אין 1808 באַטראָפן מיט אַ קנאַפּ פערטל ווייניקער ווי אין 1796. די דאָזיקע פאַרמינערונג לאָזט זיך דערקלערן מיט די אומרויקע און אָפּט שטורמישע צייטן אין דער תקופה פון די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות און די פּאָליטישע אויפטרייסלונגען אין דעם דאָזיקן צייט־אָפּשניט (1796—1815). אויך די קריסטלעכע באַפעלקערונג האָט זיך אין די דאָזיקע יאָרן שטאַרק פאַרקלענערט.

נאָך דעם ווי דער מצב אין פּוילן האָט זיך סטאַביליזירט מיטן אַנטשטיין פון „קאָנגרעס־פּוילן" (1815), געפינט זיך די יידישע באַפעלקערונג במשך דעם גאַנצן 19טן יאָרהונדערט אין אַ צושטאַנד פון אַ כמעט כסדרדיקן וואַקסן. אין משך פון ערשטן פערטל פון יאָרהונדערט (1808—1827), איז די יידישע באַפעלקערונג געוואַקסן אויף מער ווי נאָך אַ מאָל אַזוי פיל. במשך פון צווייטן פערטל (1827—1857) — אויף מער ווי אויף אַ דריטל. דאָס זעלבע קען מען אָבסערווירן במשך די 40 יאָר 1857—1897.

דער טעמפּאָ פון וואַקסן פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג לויפט כמעט פּאַראַלעל מיטן צוווּקס־טעמפּאָ פון דער יידישער, מיטן אויסנאַם פון דעם פּעריאָד 1857—1897, ווען די קריסטלעכע באַפעלקערונג האָט פילפאַך איבערגעשטיגן אין איר וווּקס די יידישע: בעת די יידישע איז אין דעם אָנגערופענעם פּעריאָד געוואַקסן אויף ווייניקער ווי אויף אַ דריטל, האָט זיך די קריסטלעכע פאַרמערט מער ווי אַנדערטהאַלבן מאָל אַזוי פיל.

פון דער טאַבעלע זעען מיר אויך, אַז במשך כמעט דעם גאַנצן 19טן יאָרהונדערט איז קוטנע געווען אַ שטאָט מיט אַן איבערוועגנדיקער יידישער מערהייט — אין 1857 האָבן יידן באַטראָפן כמעט צוויי דריטל פון דער אַלגעמיינער צאָל איינוווינער. אָבער ביים סוף פון יאָרהונדערט ענדערט זיך די פאַרהעלטעניש לטובת דער פּוילישער באַפעלקערונג — לויט דער ציילונג פון 1897 מאַכן יידן אויס שוין נאָר עפּעס מער ווי אַ העלפט (50.7%).

אין דער ערשטער דעקאַדע פון 20סטן יאָרהונדערט ענדערט זיך ווידער די פּראָפּאָרץ לטובת דער יידישער באַפעלקערונג און האָט אין 1910 דערגרייכט אַ פּראָצענט, וואָס מיר טרעפן ביז 1897 (העכער 60%).

* אין מקור איז אָנגעגעבן 200 משפחות אין קיילעכדיקע ציפערן. פאַר דער צווייטער העלפט פון 18טן י. ה. רעכענען מיר אין דורכשניט צו 5 נפשות אויף איין משפחה.

די דאָזיקע לאַגע ענדערט זיך ראַדיקאַל אין דעם צום תחית־המתים אויפגעשטאַנענעם פּוילן אין די 20קער און 30קער יאָרן.

לויט דער פאָלקס־ציילונג פון יאָר 1921 זענען אויף 15,976 איינוווינער בכלל געווען 6,784 יידן, ד"ה 42.5%. און לויט דער צווייטער פאָלקס־ציילונג פון 9טן דעצעמבער 1931, איז דער פּראָצענטיקער אָנטייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דער אַלגעמיינער וויַיטער געפאַלן: אויף 23,368 איינוווינער נאָר 6,440 יידן (לויט אָנגעגעבענער רעליגיע), בכן האָבן יידן באַטראָפן נישט מער ווי 27%.

אין פארגלייך מיטן יאָר 1910 מיט איר מאַקסימאַלער צאָל יידן פאַר דעם גאַנצן געשיכטלעכן פּעריאָד, האָט זיך די יידישע באַפעלקערונג סיי אבסאָלוט, סיי רעלאַטיוו שטאַרק פאַרקלענערט. די דאָזיקע פאַרמינערונג דאַרף מען פאַרשרייבן אויפן חשבון פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און פון דער עמיגראַציע מעבר לים, אָנהייבנדיק פון די 20ער יאָרן. דאָס פאַלן פון דעם פּראָצענט יידן לגבי דער אַלגעמיינער צאָל איינוווינער איז אָבער אַרויסגערופן געוואָרן אויף אַ קינסטלעכן אופן דורך איינשליסן פון ביי־שטאָטישע שטחים מיט אַן אויסשליסלעכער קריסטלעכער באַפעלקערונג אין די אדמיניסטראַטיווע שטאָטישע גרענעצן.

## קאַפּיטל IV

## דאָס גייסטיק־געזעלשאַפטלעכע פּנים פון דער קהילה אין 19טן און תחילת 20סטן יאָרהונדערט

קוטנע פארנעמט אַ גרענעץ־פּאָזיציע צווישן גרויספּוילן און מאַזאָוויע, און דער דאָזיקער פאַקט האָט ארויפגעלייגט זיין חותם אויפן קולטור־פּרצוף פון די קוטנער יידן. עס איז דאָ געווען אַ געמיש פון גרויספּוילישער „דייטשמערישקייט" און מאַזאָווישער קערנדיקער עמכדיקייט, פון מתנגדישע בעלי־בתים, וואָס האָבן שבת צום דאַווענען געטראָגן הויכע גלאַנצנדיקע צילינדערס און צעכראַסטעטער חסידישער חבריא (קאָצקער און וואָרקער חסידים), פון פאַרמשכילישטע מתנגדים, וואָס האָבן געלייענט די „הצפירה" און „קוריער וואַרשאַווסקי", און שאַרפע קאָצקער חסידים, וואָס האָבן גערודפט רבנים און געשפּילט די ראָל פון אַ שאַרפן פערמענט אין קהלשן לעבן.

די דאָזיקע געאָגראַפישע גרענעץ־ליניע פון קוטנע האָט געפונען איר אויסדרוק אין דעם קוטנער „דיאלעקט", וואָס איז געווען אַ געמיש פון גרויספּוילישן, פאַרדייטשמערישטן, און מאַזאָוויש־קערנדיקן, אַ ביסל פאַרגרעבטן יידיש. בעת דער אַלטער דור האָט באַנוצט נאָך דעם ערשטן פאַרדייטשמערישטן יידיש, האָט אין דער שפּראַך פון ייִנגערן דור דאָמינירט דער שפּראַכלעכער עלעמענט פון צווייטן.

די שטאָט איז אויך ג'עווען אַ געמיש פון שאַרפער תורה און עמכדיקער פאַרגרעבטקייט. אַשס „קוילער געסל" איז נישט געווען ווייט פון בית־המדרש, פול מיט בחורים־לערנערס און שארפע לומדים. בשכנות פון ר׳ יהושעלע קוטנערס בית־דין־שטוב האָבן געוווינט קאטאריניאזשעס און דאָס א"ג „פעבל".

קוטנע איז ווי יעדעס יידיש שטעטל אין פּוילן געווען רייך אין כאַראַקטעריסטישע פאָלקסטיפּן, וואָס זענען געוואָרן אַ שם־דבר און פאַרנומען אַן אָרט אין שטעטלדיקן פאָלקלאָר. געוויסע טיפּן ווי למשל מרדכי „פשאָרעק" און חיים וואָדניק זענען אַריין אין דער יידישער ליטעראַטור דורך די שרייבער שלום אש („מאָטקע גנב") און י. י. טרונק („פּוילן").

אַן אייגנאַרטיקע גרופּע איז געווען די קליינע גרופּע „ליטוואַקעס", וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַזעצן אין דער שטאָט נאָך דעם גירוש מאָסקווע (1891). זיי האָבן אַריינגעטראָגן אין דער שטעטלדיקער אטמאָספער אַ געוויסן עלעמענט פון גרויס־

שטאָטישקייט, געפּאָרט מיט לויזער באַציונג צום רעליגיעזן לע־בנס־שטייגער.

אָבער ווי אַ פאַרמעגלעכער עלעמענט (גרויסע סוחרים, פּאַ־בריקאַנטן), וואָס האָט זיך געלאָזט קאָסטן אויף קהלישע הצטר־כותן, האָט די גרופּע גענאָסן פון אַ ווייטגייענדיקער טאָלעראַנץ (מען האָט פאַרקוקט אויף זייער נישט איבעריק טראַדיציאָנעל־יידישן אויפפיר) און אייניקע פון זיי האָבן אַפילו פאַרנומען חשובע פּאָזיציעס אינעם קהלישן לעבן.

דער פונדאַמענט פון פּאַטריאַרכאַלישן שטעטלדיקן לעבנס־שטייגער האָט זיך אָנגעהויבן וואַקלען מיטן אָנקומען פון נייע צייטן און נייע לידער.

די מאָדערנע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַוועגונגען האָבן פאַרכאַפּט די הערצער און מוחות פון יונגן דור. אַרום 1908 איז געגרינדעט געוואָרן אַ „ליטעראַרישע געזעלשאַפט" (אָ פיליע פון דער צענטראַלע אין פּעטערבורג), זי עפנט אַ ביבליאָטעק, אָרדנט איין פאָרלעזונגען אויף וועלכע עס טרעטן אַרויס אַזעלכע שרייבערס ווי שלום־עליכם (1913), ה. ד. נאָמבערג, הלל צייט־לין א"אנד.

בעת די וואַלן צו דער צווייטער דומע אין 1907 איז אין שטאָט געווען טעטיק אַ פּועלי־ציוניסטישע גרופּע.

דער אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ראַ־דיקאַל געענדערט דעם מצב פון דער יידישער באַפעלקערונג און אַ שטויס געטאָן איר געשיכטלעכע אַנטוויקלונג אויף נייע וועגן.

## הערות צום קאַפּיטל 1

1 ישעיה טרונק — „ווען און ווו האָבן זיך יידן באַזעצט אין מאַ־זאָוויע ?" לאַנדקענטעניש, 193 נומ' 1.

2 J. Wierzbowski — Matricularum Regni Poloniae, Summaria, pars IV, No. 2017, 1513.

3 Soncino-Blätter, II Berlin, 1927, p. 110.

4 Słownik Geograficzny Królewstwa Polskiego ... vol. V, p. 956. Balinski-Lipinski, **Starożytna Polska,** I, p. 694.

4א Jakub Goldberg. „Osiemnastowieczne lokacje miejskie w dawnych województwach łęczyckim i sieradzkim. **Rocznik Łódzki,** tom IX (XII), 1964. p. 82.

5 אין דעם ווייטער ציטירטן דאָקומענט פון יאָר 1796 ווערט באַ־ריכטעט, אַז די דאָזיקע שטעטלעך זענען פריער געווען אונ־טערגעוואָרפן אונטער דער יוריסדיקציע פון קוטנער קהל און האָבן געצאָלט שטייערן אין דער קוטנער קהלשער קאַסע.

6 רפאל מאַהלער — יידן אין אַמאָליקן פוילן אין ליכט פון ציפערן, וואַרשע, 1958 ז' 37.

7 עמנואל רינגעלבלום — קאַפּיטלעך געשיכטע פון אַמאָליקן יידישן לעבן אין פוילן, בוענאָס־איירעס, 1933, ז' 200.

8 דאָרטן.

9 לעווינשטיין — דור דור ודורשיו, וואַרשע 1890, ז' 109.
Freudenthal, **Aus Moses Mendelsons Heimat,** p. 21.

10 Louis Lewin — **Beitrage zu der Geschichte der Juden in Kalish.** p. 153—154; Hepner-Herzberg — **Aus Vergangenheit und Gegenwart der Juden u. jüdischen Gemeinden in den Posener Landen.** Koschmin-Bromberg, II p. 728.

11 ע. רינגעלבלום — „דאָס יידישע טאָג־צעטל אין וואַרשע", לאַנדקענטעניש, וואַרשע, נומ. 1 (23), 1937.

12 E. Ringelblum — **Żydzi w Powstaniu Kościuszkowskim,** Warszawa, s.d. pp. 54, 80.

13 Konic — Komisja Rządząca w 1807 roku, Warszawa, 1904, p. 180; A. Eisenbach — Status prawny ludności Żydowskiej w Warszawie. **Biuletyn Żydowskiego Instytutu Historycznego,** 1961, no. 39, pp. 7—10.

14 E. Ringelblum — Żydzi w świetle prasy warszawskiej w XVIII. wieku, **Miesięcznik Żydowski,** 1932,, no. 7/8.

15 Gruetzmacher F. — Grundherrschaft und Bürgerschaft. **Zeitschrift der Historischen Gesellschaft für die Provinz Posen,** v. XXVII pp. 90—91.

16 Archiwum Główne Akt Dawnych, Warszawa, Księga Skarbowa, Oddz. 91, ks. 26 (36).

17 מ. קרעמר, „לחקר המלאכה והחברות בעה"מ אצל יהודי פולין" ציון, תרצ"ז, ע' 319, 320.

18 די צאָל 43 איז אומבאַדינגט צו קליין. מיר האָבן לײדער נישט קיין שליסל ווי אַזוי זי צו פאַרגרעסערן.

19 צו דער דאָזיקער מסקנא קומט אויך ד"ר מאַהלער אין זיין אָפּ־האַנדלונג: „סטאַטיסטיק פון דער יידישער באַפעלקערונג אין לובלינער וואָיעוואָדשאַפט פון יאָר 1764". יונגער היסטאָריקער, ב. 2, וואַרשע, 1937.

20 חוץ די 98 פאַמיליעס, וועלכע האָבן זיך פּערזענלעך געשטעלט צו דער ציילונג, רעכנט נאָך די רשימה 41 פאַמיליעס, וואָס האָבן זיך נישט געמאָלדן און וועגן וועלכע עס איז גאָרנישט מער אָנגעגעבן. אַזוי אַרום באַטרעפט אייגנטלעך די צאָל פאַמיליעס 102.

21 אויך דאָ מוז מען די צאָל באַטראַכטן פאַר אַ זייער פאַרקלענערטע.

22 פון די שניידער־געזעלן האָבן 7 חתונה געהאַט און האָבן געאַר־בעט אָדער ביי זייערע טאַטעס (2), אָדער ביי פרעמדע (5).

23 נאָר איין וויין־סוחר — אַ פּרנס — האָט געהאַנדלט פריי מיט משקאות „אויס ספּעציעלן פּריצישן חסד" — ווי עס באַמערקט דער שרייבער.

24 טאַד. קאָרזאָן שאַצט אָפּ דעם ווערט פון אַ פלאָרין (פּוילישער זילבערנער גילדן) אויף 36 רוסישע פאַרמלחמהדיקע קאָפּיקעס. זע זיינע Dzieje wewn. Polski za Stanisława Augusta I, p. 87.

25 חוץ די זענען אויך געווען פּריוואַטע מלמדים, וועלכע מיר גע־פינען אָבער נישט אויסגערעכנט, נאָר אין אַלגעמיין אָנגעמערקט, אַז אַזעלכע זענען פאַראַן. עס ווערט אויך ביי זיי באַמערקט, אַז זיי האַלטן זיך נישט אויף ביי זייערע תלמידים, נאָר פירן זעלב־שטענדיקע ווירטשאַפטן.

26 אין דער דאָזיקער רובריק זענען אויסגערעכנט נאָר יידישע הויז־דינערשאַפט. מען דאַרף אָבער אָננעמען, אַז אַ געוויסע צאָל קריסטלעכע הויזדינער און דינסטמיידלעך זענען געווען אָנגע־שטעלט אין יידישע הייזער. מען דאַרף אָבער דעם פּראָצענט קריסטלעכע דינערשאַפט נישט צו הויך שאַצן (האַלטן אַ קריסט־לעכע דינסט איז נאָך מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק געווען אַן אַקט פון „פאַרטגעשריטנקייט") אַזוי, אַז וועזנטלעך וועלן זיך די צאָל־פאַרהעלטענישן נישט ענדערן.

27 אין די אַקטן, וואָס זענען נוגע די שטאָטישע, זענען אויך דער־מאָנט צוויי יידן, וואָס אַרבעטן ביים פּריץ אויף טאָג־לוין. מעג־לעך, אַז זיי זענען געווען באַשעפטיקט ביי ערד־אַרבעט.

28 אויך דאָ איז אויסגערעכנט נאָר יידישע הויזדינערשאַפט. אין דאָרף איז משמעות דער פּראָצענט קריסטלעכע דינערשאַפט געווען באַדייטנדיק אַ העכערער, ווי אין שטאָט, אַזוי, אַז די פאַקטישע צאָל דינער איז ביי די דאָרפישע יידן געווען אַ גרע־סערע, ווי מיר האָבן די מעגלעכקייט אָנצוגעבן.

29 מיר מיינען, אַז די 15 אָנגעקומענע, זיך ערשט איינאָרדענענדיקע פאַמיליעס, וועלכע מיר רעכענען נישט צו צו קיין שום גרופּע, שטעלן נישט אין ספק די וועזנטלעכע ריכטיקייט פון דער געגעבענער פאַרהעלטעניש.

30 צו דער גרופּע רייכע האָבן מיר אויך פאַרעכנט אַ רייכן דאָר־פישן פאַכטער, וואָס וווינט אָבער, ווי עס באַמערקט די רשימה, אין דער שטאָט; קיין שטייערן זענען ביי אים נישט אָנגעגעבן.

31 עס האָבן אַוודאי נישט געפעלט קיין פאַלן, ווען די אָפּשאַצונג איז נישט געווען קיין גענוג גענויע און גערעכטע, אַזוי, אַז פּער־זאָנען, וואָס וואָלטן אייגנטלעך צוליב זייער אָרעמקייט גענויט באַפרייט ווערן אין גאַנצן פון שטייערן, זענען דאָך מיט זיי באַלאַסטעט געוואָרן.

32 די אַלע זענען מיט איין אויסנאַם הויזבאַזיצערס. אויך דער פאַקט, וואָס כמעט ביי אַלע געפינען מיר הויזדינערשאַפט און ביי עט־לעכע פון זיי צו צוויי דינסטן, באַשטעטיקט אויך פון אַן אַנ־דערער זייט, דעם וווילשטאַנד פון דער דאָזיקער גרופּע.

33 ווי מיר זעען, איז געגאַנגען אַ כסדרדיקער עמיגראַציע־שטראָם פון די שטעט אין די דערפער. כמעט אַלע פון די 26 פאַמיליעס קומען פון די אַרומיקע שטעטלעך, ווי קלאָדאָווע, גאָמבין, גאָס־טינין א"אַנד. אין פאַרלויף פון אַ פּאָר יאָר איז צוגעקומען 25% פון דער אַלגעמיינער צאָל פאַמיליעס.

34 זייער לאַגע איז, ווייזט אויס, נישט געווען קיין גלענצנדיקע. אין אַ נאָטיץ רעדט זיך וועגן אַ לאַנגיאָריקן פאַכטער, וואָס האָט געמוזט, צוליב אָרעמקייט, זיך פאַרדינגען אין הויף אַלס ברויער.

35 די דאָרפסיידן זענען דערביי געווען מחויב צו קומען אין שטאָט און אונטער אַ שטראָף פון אַ חרם, אָנצוגעבן די געפאָדערטע אינפאָרמאַציע.

36 די פּוילישע רעגירונג האָט איינגעפירט אין יאָר 1789 אַ שטייער אויף רויע לעדער, וועלכן מען האָט אין יאָר 1791 פאַרביטן אויף שחיטה־שטייער (Podatek od rzezi).

37 אין באַריכט ווערט באַמערקט, אַז די „לאָפּאַטקאָווע"־אָפּצאָלן פאַר אַ קאַלב דאַרפן צאָלן אויך די קריסטלעכע קצבים, וואָס איז ביז איצט נישט געשען.

38 סימפּאַטאָמאַטיש פאַר דער ריכטונג פון דער עוואָלוציע, וואָס די קהילה האָט אַדורכגעמאַכט, איז דער פאַקט, אַז מיט 12 יאָר שפּעטער האָט מען — ווי עס ווערט דערציילט אין ח"ק־פּנקס — געוואָלט אויסשליסן אַ קצב פון דער חברה מיט דעם מאָטיוו, אַז זיין פּראָפעסיע איז פאַר איר אַן אומכבוד. דאָ האָבן מיר נאָך אַ קצב אַלס פּרנס.

39 זי איז אונטערגעצונדן געוואָרן דורך די נאַציס אין פעברואַר אָדער מערץ 1940 און איז פולשטענדיק פאַרניכטעט געוואָרן.

40 אין אַרכיוו פון ייוואָ אין ניו־יאָרק געפינט זיך אַ האַנטשריפטלעכע קאָפּיע פון פּנקס, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אַ דאַנק דער השתדלות פון דעם בן־עיר, דעם היסטאָריקער ליפּמאַן צאָמבער (דעפּאָרטירט געוואָרן פון וואַרשעווער געטאָ קיין טרעבלינקע, זומער 1942. ע. רינגעלבלום, נאָטיצן פון וואַרשעווער געטאָ, וואַרשע, 1952, ז' 314). ל. צאָמבער האָט אויך פאַרעפנטלעכט אַן אָפּהאַנדלונג אויפן סמך פון פּנקס א. ג. „אַ בילד פון יידישן לעבן אין אַ פּוילישער שטאָט אָנהייב פון נײַנצנטן י"ה (די קוטנער חברה־קדשא אין אָנהייב נײַנצנטן י"ה)", אין יונגער היסטאָריקער, העפט I, וואַרשע, 1926, ז"ז 58—65 (באַמ. פון רעדאַקטאָר: צאָמבערס אָפּהאַנדלונג ווערט געברענגט אין דעם בוך, אויף דער זייט).

## הערות צום קאַפּיטל 2

1 א. אייזענבאַך — „דאָקומענטן צו דער געשיכטע פון די דעפּאַרטאַמענט־וועדים און געפּלאַנטע צענטראַלע וועדים אין וואַרשעווער פירשטנטום", בלעטער פאַר געשיכטע, II, וואַרשע, 1938, ז' 149.

2 א. אייזענבאַך — „די צענטראַלע רעפּרעזענטאַנץ־אָרגאַנען פון די יידן אין וואַרשעווער פירשטנטום, 1807—1815", בלעטער פאַר געשיכטע, II, ז"ז 45, 48, 55—56, 70, 71, 78, 79.

3 אין דעם אויבן ציטירטן בריוו צו די פּויזנער ראשי־הקהל שרייבט ער וועגן זיינע קאָנטאַקטן מיטן קוטנער פריץ, וואָס איז געווען אַ מיטגליד אין מלוכה־ראַט.

4 Louis Lewin — **Geschichte der Juden in Lissa**, Pinne, 1904, pp. 305—306.

5 א. אייזענבאַך — בלעטער פאַר געשיכטע, ב. II, ז' 71.

6 דאָרטן, ז"ז 78, 79, 82.

7 Louis Lewin, o.c.p. 114, 168.

8 Heppner-Herzberg, o.c. II, pp. 609—610.

9 ישעיה וואַרשאַווסקי — „יידן אין קאָנגרעס־פּוילן (1815—1831)", היסטאָרישע שריפטן, ייוואָ, ב. II, 1937, ז' 341.

10 R. Pruemers — **Das Jahr 1793**, Posen, 1895, p. 580.

11 Philip Friedman — Wirtschaftliche Umschichtung- und Industrialisierungs-Prozesse im polnischen Judentum. **Jewish Studies in Memory of Alexander Kohut**, New York, 1935, p. 235.

12 Philip Friedman, o.c. p. 232; Kazimierz Reychman, Szkice genealogiczne, Warszawa, 1936, I, p. 52.

13 **Żydzi w Polsce Odrodzonej**, Warszawa, 1933, II, p. 441.

14 Kazimierz Reychman, o.c. I, p. 190.

15 Idem, o.c. I, pp. 75, 76.

16 I. Schiper — **Żydzi Królestwa Polskiego w dobie powstania listopadowego**, Warszawa, aneks, 2, p. 199.

17 עמנואל רינגעלבלום — קאַפּיטלעך געשיכטע פון אַמאָליקן יידישן לעבן אין פּוילן, בוענאָס־איירעס, 1953, ז' 288.

18 דאָרטן, ז"ז 312—316.

19 דאָרטן, ז"ז 343—344.

20 חלקת מחוקק, מחברת ד, שורה י"ט.

21 המגיד, נומ' 4, 1863, ש. י. אָסלאָווינסקי איז פריער געווען חזן אין דובנאָ (המגיד, מס. 16, 1861).

22 המגיד, נומ' 16, 1861.

23 המגיד, נומ. 37, 1873.

24 המליץ, נומ. 42, 1886.

25 הצפירה, 1875.

26 הצפירה, נומ. 99, מאַי 1891.

27 הצפירה, נומ. 12, 1891.